ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# נפלאות החוזה

אידיש

**666**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# נִפְלְאוֹת הַחוֹזֶה

מבּ״ק אדומו״ר דֶעם הֵיילִיגֶען בֶּעוואוּסְטֶען צַדיק

## ר״ר יעקב יצחק פון לובלין

דער מחבר פון ספר „דברי אמת״ זצלה״ה זי״ע.

אין דיזֶען סֵפֶר וֶוערְט בֶּעשְׁרִיבֶּען ווינְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען פון הֵיילִיגֶען
צַדיק רַבִּי ר׳ יעקב יצחק פון לובלין זצ״ל, אַזוֹי
וִוי מִיר הָאבֶּען אַרוֹיס גֶענוּמֶען פון הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר׳ אברהם יוסף קליימאן
ווארשא נאלעווקי 41.

## פיעטרקוב

בדפוס החדש והמשובח של ר׳ חנוך העניך פאלמאן נ״י
שנת תרע״א לפ״ק

## ספר

# נפלאות הרבי מלובלין זצ"ל

דער הייליגער רבי פון לובלין רבי יעקב יצחק זכותו יגן עלינו, איז געווען אַ אמת'ער מלאך אלקים וואָס די גרעסטע צדיקים פון די וועלט האָבען אָנגעקלאַפּט אויף זיין טהיר. דער גרויסער גאון רבי אברהם יהושע העשיל פון אַפּטא זצ"ל האָט אויף איהם מעיד געווען אַז ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהויבען זיינע אויגען ער זאָל נישט מיחד זיין דעם אייבערשטען (אַזוי ווי ס'ווערט געברענגט אין ספר פני זקן אויף מסכת שקלים) און דער הייליגער קאָזניצער מגיד זכותו יגן עלינו האָט איהם גערופען אורים ותומים. און די וועלט האָט איהם גערופען דער נביא פון לובלין. וויל זיינע אויגען האָבען געקוקט מסוף העולם ועד סופו. און דער הייליגער צדיק פון זידיטשוב האָט געזאָגט אויף איהם די ווערטער: „דעם לובלינערס אויגען האָט דער רבי ר' אלימלך אויך נישט געהאַט".

און דער הייליגער רבי פון דינוב זכותו יגן עלינו שרייבט אין זיין ספר אגרא דפרקא אות כ"ה: „מיר האָבען מיט אונזערע אויגען געזעהן אַז ווען דער הייליגער רבי פון לובלין האָט געלייגט די נעמען אין די קוויטלעך, האָט ער מיט זיין רוח הקודש געוואוסט וואָס דער מענטש איז און וויפיעל גוטס און שלעכטס ער האָט אין זיין לעבען געטהון. פיעל מאָל האָט ער פאַר'ן ליינען דאָס קוויטעל געזאָגט לשם יחוד כו'".

## אין ספר אגרא דכלה פרשת פקודי שטעהט געשריבען:

„די ערשטע צוועלף טאָג פון חודש ניסן זענען אַ הויפטקראַפט צו אַלע צוועלף חדשים פון יאָהר יעדער טאָג איז מרמז אויף אַ גאַנצען חודש און די צדיקים קאָנען וויסען יעדען טאָג וואָס ס'וועט געשעהן אין דעם חודש וואָס איז נגען דעם טאָג און דער הייליגער רבי פון לובלין זכותו יגן עלינו האָט יעדען טאָג אויפגעשריבען מיט זיין רוח הקודש וואָס ס'וועט פאַרפאַלען יעדען חודש. אין דעם יאָהר וואָס ער איז יערופען געוואָרען צו די ישיבה של מעלה, דאָס איז דער חודש מנחם אב, האָט ער מעהר נישט געשריבען נאָר ביז מנחם יום ה' דניסן".

דער הייליגער גאון רי"א פון קומארנא זכרונו לברכה ערצעהלט, אַז זיין רבי רבי צבי ווען ער איז געווען אויף די ימים טובים אין

לובלין

לובלין איז ער קראנק געווארען און איז איינגעשטאנען ביי דעם הייליגען רבין פון לובלין. סוכות האט ער געבעטען מ'זאל איהם ארײנ־טראגען אין רבינס סוכה ער זאל דארט עסען א כזית, און זיין משמש איז געלאפען איהם ברענגען א ביסעל יויך אין די סוכה אריין. און ווי דער משמש איז געקומען מיט די יויך אין סוכה אריין, האט ער געגעבען איהם געטראפען א אונבעקאנטען אלטער מאן און ווי ער האט איהם געגעבען שלום איז ער נעלם געווארען. און דער ר' צבי האט איהם געזאגט אז דער איז געווען אברהם אבינו עליו השלום וואס איז געווען זיינע אושפיזין. ער האט געמיינט אז דער משמש וועט איהם דאס נישט גלייבען, נאר דער משמש האט אויף דעם געענטפערט: אין דעם הייליגען רבין פון לובלינ'ס סוכה קאנען זיך מלאכים אליין אויך געפונען.

אין דעם לעצטען יאהר פון הייליגען רבין פון לובלינס לעבען אין חודש חשון מוצאי שבת קודש זענען די הימלען געווען זעהר פערוואלקענט און מ'האט נישט געזעהן די לבנה מ'זאל זי מחדש זיין. האט דער צדיק רבי הירש פון זידיטשוב געפיהרט מיט זיין האנד דעם רבין פון לובלין אהיים פון בית־המדרש, וויל ער איז דאמאלס נישט געזונד געווען, און געהענדיג זאגט דער רבי פון לובלין מיט דעם לשון: „אצינד וואלט אונז בעדארפט ר' הירשלי זידיטשובער געבען א לבנה" ווי ר' הירשלי האט דאס געהערט האט ער איהם גלייך צוריק גע־פיהרט אין בית־המדרש אריין און האט איהם אניעדער געשטעלט געגען פענסטער און דרייסט געזאגט: „דא האט איהר א שענע לבנה", און ער האט טאקי דארט זי מחדש געווען.

דער רבי פון לובלין האט אמאל געזאגט צו רבי הערשעלע זידיטשובער זכר צדיק לברכה: „כל זמן איך לעב האב איך נישט קיין מורא אז איהר זאלט חלילה אראבפאלען פון אייער מדרגה, נאר נאך מיין טויט קאן איך נישט וויסען". האט איהם רבי הערשעלע גע־ענטפערט: „איך וויל נישט לענגער לעבען פאר אייך רבי". זאגט איהם דער רבי פון לובלין: „וואס הייסט דאס איהר זענט נאך א יונגער מאן און איך בין שוין אויף דער עלטער". ענטפערט איהם רבי הערשעלע: „איך וועל בעטען אז איהר זאלט אייביג לעבען". דער רבי פרעגט איהם: „ווי קאן דאס א מענטש אייביג לעבען". ענטפערט איהם רבי הערשעלע: „איך מיין אז איהר זאלט לעבען הונדערט און צוואנציג יאהר אזוי ווי משה רבנו האט געלעבט". פרעגט איהם דער רבי: „איהר האט דאך געזאגט אייביג און איצט זאגט איהר נישט מעהר ווי הונדערט און צוואנציג יאהר", ענטפערט איהם רבי הערשעלע: „איך האב געזעהן אין א ספר אז משה רבנו עליו השלום האט געלעבט הונדערט און צוואנציג יאהר געגען די יובלות (יעדער יובל איז פופציג יאהר) וואס ס'וועט צוזאמען זיין אויף די וועלט. די הייליגע גמרא זאגט אז די וועלט וועט שטעהן זעקסטויזענד יאהר. און אין זעקס־טויזענד איז דא הונדערט און צוואנציג יובלות און א יובל רופט זיך

עולם

עולם (איבּיג), אזוי ווי עס שטעהט ועבדו לעולם, קומט אויס אז הונדערט און צוואנציג יאהר הייסט איבּיג". דער רבי איז פון דעם ענטפער געווען זעהר צופריעדען און האט איהם געפרעגט אין וועלכען ספר ער האט דאס געזעהן. האט ער איהם געענטפערט אז ער האט דאס געזעהן אין זיין אייגען ספר. האט איהם דער רבי זעהר גערוהמט.

דער הייליגער גאון רבי אלכסנדר זכר צדיק לברכה האט ערצעהלט: „ווען איך בין שוין אלט געווען פירציג יאהר האב איך נאך נישט זוכה געווען צו האבען א בן זכר. און ווי איך בין געווען ביי דעם הייליגען רבין פון לובלין זכותו יגן עלינו האב איך איהם אויף דעם געבעטען, און ער האט מיר צו געזאגט. אויך האט ער מיר איבער געענטפערט איינינע יחודים און שמות הקדושים אלס סגולה צו די זאך, און האט מיר געזאגט מיט דעם לשון: „איך זעה אז די וועסט האבען א בן זכר וואס זיין נשמה וועט זיין גרויס אהן א שיעור, און ס'געהט אוועק פיעל יאהרען וואס ס'געפונט זיך גארנישט אויף די וועלט אזוי א גרויסע נשמה, דאדורך מוז איך דיר איבערגעבען צו אזוי א הייליגע נשמה איינינע יחודים און שמות הקדושים מכוון צו זיין בשעת יחוד. אויך בין איך דיר מודיע אז די נשמה קאן מיט דיר נישט זיין צו זאמען אויף די וועלט, און ווען דיין זוהן וועט אלט ווערען צעהן יאהר מוזט די אוועקגעהן פון די וועלט און די זאלסט מיר פריהער זאגען אויב די בעשטעהסט אויף דעם". האט ער איהם געענטפערט אז ער נעמט אלין פערליעב וואס ער זאגט איהם מיט זיין רוח הקודש. און אזוי איז געווען, אז די רביצין איז אין דעם יאהר מעוברת געווארען, און ווי דאס קינד איז געבוירען געווארען איז די גאנצע שטוב פול געווארען מיט ליכטיגקייט, און זעהענדיג דאס איז די שמחה געווען אהן א שיעור. און אלע זענען געווען זיכער אז ס'איז מקוים געווארען דער רוח הקודש פון רבין פון לובלין, דאדורך האט ער געמאכט זעהר א שארפען ברית, די סעודה האט געדויערט דריי טעג ביז שלישי למילה, און די גרעבסטע חסידים פון די שטאדט סאמבור האבען זיך משמח געווען אין די שמחה. אין דעם דריטען טאג איז דארט אין שטאדט אריינגעקומען א הייליגער צדיק פון בעל-שם'ס גרויסע תלמידים, און די גאנצע שטאדט איז איהם געגאנגען מקבל פנים זיין. און ווי די הייליגע רביצין האט דאס געהערט, איז זי אויך אהין געגאנגען ער זאל דעם קינד געבען א ברכה, און ווי דער צדיק האט אויף דעם קינד ארויפגעלייגט זיין האנד, האט ער א געשריי געגעבען: „אוי האט דאס קינד א גרויסע נשמה און א שארפען מוח". די רביצין האט מורא געקריגען פאר א עין-הרע רחמנא ליצלן און האט אבגעשפיגען דריי מאל איבערן קינד. און ווי דער צדיק האט דאס געזעהן האט ער צו איהר געזאגט: „שרעק נישט, דאס קינד וועט האבען אריכת ימים ושנים". זי איז

אהיים געגאנגען מיט גרוים שמחה". און דאס קינד איז געווען דער הייליגער צדיק רבי אייזיקל קאמארנער זכותו יגן עלינו וואס די גאנצע וועלט האט געקלינגען מיט זיינע ווּאונדערליכע מעשים.

---

## אין ספר מגלת סתרים שטעהט געשריבען:

„מיין הייליגער פאטער נשמתו עדן איז געווען א תלמיד פון הייליגען רבין פון לובלין וואס דער שורש פון זיין נשמה האט געלייכט מסוף העולם ועד סופו, דער אייגענער שורש פון משה רבנו און דער אר"י הקדוש זכותם יגן עלינו, און ער האט זוכה געווען צו אזוי א רוח הקודש וואס מיר האבען אזוינס נישט געזעהן פון הייליגען בעל שם און און ווען איך בין אלט געווען ניין יאהר בין איך מיט מיין הייליגען פאטער געווען אין לובלין, און האב געזעהן ווי זיין פנים האט געפלאמט ווי פייער, און ווען ער האט געעפענט די טהיר מ'זאל זאגען כגונא האט מען געזעהן ווי ס'ברענט פשוט א פייער איבער זיין קאפ. זייענדיג דארט איבער פסח האב איך געזעהן פון איהם פיעל ווּאונדערליכע מעשים וואס אין יעדען איז געווען בלוים רוח הקודש, אויך האט מען געזעהן פון איהם זעהר גרויסע מדרגות אין אידישקייט, און זיין דאווענען מיט מסירת הנפש וואס האט מבהיל געווען יעדענס רעיון, אז די אלע וואס זענען דארט געשטאנען האבען געפיהלט אז זיי געפונען זיך אין א אנדערע וועלט פול מיט רוחניות און א אמת'ע קדושה. די צווייטע נאכט פון פסח נאך דעם סדר האט ער געזאגט ווען מ'זאל געבען די זרוע. ער האט מיך געהייסען אנידער שטעלען נעבען איהם, און ער האט דריי מאל צוריק גענומען זיין האנד און מיר די זרוע נישט געגעבען ביז ער האט געקוקט מיט זיין רוח הקודש ביז צום שורש פון מיין נשמה, דאמאלס האט ער זיך איינגעבויגען איבער מיר, געהאלטען זיין האנד א צייט איבער מיין קאפ, און מיר דערלאנגט די זרוע מיט גרוים אימה און יראה, און די אלע צדיקים און גרויסע גוטע אידען וואס זענען דארט געזיצען האבען דאס זעהר בעוואונדערט, ווייל ער פלעגט יעדען פסח געבען די זרוע, דעם גרעסטען פון זיינע הייליגע תלמידים זאגענ־דיג מיט קדושה און טהרה דעם פסוק אין ישעיה (קפיטל נ"ג) מי האמין לשמועתנו וזרוע ה' על מי נגלתה, און דאס גאנצע שטיק זוהר אויף דעם פסוק. און ווי ער האט מיך מכבד געווען מיט די זרוע האב איך מיך געפיהלט אז איך בין געווארען בלוים נשמה אהן גוף, ס'האט זיך מיר געדאכט ווי אלע הימלען זענען אפען און מלאכים און שרפים פליהען פון אלע זייטען, און ווען די חסידים וואלטען נישט אנגע־הויבען צו זינגען ביי דעם טיש, וואלט איך דאמאלס זיכער געשטארבען בנשיקה".

כ'אין

ס'איז בעוויסט אז דער היילינגער בעלזער צדיק רבי שלום איז געווען א תלמיד דעם רבין פון לובלין זכותם יגן עלינו. ער פלעגט זאגען אז ער איז אייביג דאנקבאר דעם היילינגען רבין פון לובלין וואס האט איהם אויסגעלערנט לייגען א קוויטעל. און ער האט איהם אמאל געוויזען אין איינעמס א קוויטעל דעם שורש פון זיין נשמה אין אדם הראשון צו פון קין צו פון הבל'ן. און וויפיעל מאל דער מענש איז שוין מגולגל אויף די וועלט. און מיט וואס ער האט אין יעדען גלגול קאליע געמאכט. אויך וויפיעל זינד און וויפיעל מצות און מעשים טובים ער האט. אויך האט ער מיר געוויזען אין וועלכען מזל ער איז געבוירען געווארען, און אויב ער וועט זיין א מוצלח אויף די וועלט. און זיין מנהג איז געווען אז א ערליכער איד האט איהם דערלאנגט א קוויטעל, האט ער אין איהם גוט אריינגעקלערט, און זיין שמחה איז געווען אהן א שעור זעהענדיג אז דער איד איז מלא מצות. אבער ווען א זינדיגער מענטש האט איהם דערלאנגט א קוויטעל, האט ער עס געשווינד אוועקגעלייגט כדי ער זאל נישט זעהן די עונות פון א איד, און בעטריבען זיינע רעיונות מיט צער און עגמת נפש.

איינמאל איז דער רבי פון לובלין געווען ביי דעם היילינגען צדיק רבי ברוך מעזיבעזער זכותו יגן עלינו. דער מעזעבעזער איז ערב שבת קודש געפאהרען צום טייך זיך טובל זיין און האט אין זיין קארעטע מיטגענומען דעם רבין פון לובלין, און פאהרענדיג האט זיך דער מעזעבעזער שטארק פערטיעפט אין זיינע געדאנקען און האט מיחד געווען דעם אייבערשטען מיט זעהר פייערדיגע יחודים, און האט אין איין וועג מתבונן געווען אויב דער רבי פון לובלין בעמערקט דאס. און פאהרענדיג אין פעלד האט ער געפרעגט דעם לובלינער אויב ער פיהלט עפעס. און ער האט איהם געענטפערט אז ער פיהלט דארט דעם לופט פון ארץ ישראל, וואס די גמרא זאגט (ב"ב קנ"ח) אז דער אויר פון ארץ ישראל מאכט קלוג. האט ער איהם געזאגט אז יא (לויט ווי דער היילינגער זוהר פנחס דף רמ"ה ערקלעהרט מיט וואס מאכט דער אויר קלוג). ווי זיי זענען ווייטער געפאהרען האט ער איהם ווידער געפרעגט וואס ער פיהלט דארט. האט ער איהם געענטפערט די בחינה פון ירושלים גאך ווייטער האט ער איהם געפרעגט וואס ער פיהלט דארט, האט ער איהם געענטפערט דאס ארט פון בית המקדש. און ווי זיי האבען זיך טובל געווען אין טייך האט ער איהם געפרעגט וואס ער פיהלט דארט, האט ער איהם געענטפערט אז ער פיהלט דעם תענוג פון די טייכען מיט אפרסמון (באלזאם) וואס די היילינגע נשמות זענען זיך אין זיי טובל אין גן עדן. דער מעזעבעזער האט זיך אויף די ענטפערען זעהר געפרייד, און האט איהם געזאגט אז ער איז א אמת'ער נביא און ער זעהט עתידות.

יעדעס מאל וואס מ'האט איהם געגעבען וויין אויף קדוש, פלעגט ער די פערמאכטע בוקלע גוט דורכצוקוקען און זאגען צו זי איז כשר

אמאהל

אַמאָל האָט מען אִיהם דערלאַנגט אַ פֿערמאַכטע בִּיקלע, און ווִי ער האָט זִי גוט דורכגעקוקט האָט ער געזאָגט אַז זִי אִיז כשר און האָט זִי אַוועקגעשטעלט. ס'האָט אִיהם דערלאַנגט אַ צווייטע פֿלאַש און ער האָט זִי דורכגעקוקט און אִיבער אִיהר געמאַכט קדוש, נאָכדעם האָט מען זיך אִיבערצייגט אַז אִין דִי ערשטע פֿלאַש אִיז געווען מעד פֿון אויסלאַנד.

ס'אִיז צו אִיהם געקומען דער קַיילער פֿרעגען אַ עצה אויב ער זאָל קוילען דִי בהמות אויף יום טוב אָדער ער זאָל זיי פֿערקויפֿען, ווייל ער האָט מורא מען זאָל צווישען זיי נִישט געפֿונען בהמות וואָס זענען טרפה. דער הייליגער רבי פֿון לובלין האָט אִיהם געהייסען אויפֿשרייבען אויף פּאַפּיער ווִי יעדע בהמה זעהט אויס און אִיהם דאָס פּאַפּיער געבען. ער האָט דאָס פּאַפּיער דורכגעלעזען מִיט רוח הקודש און געזאָגט וועלכע בהמה אִיז כשר און וועלכע בהמה אִיז טרפה, אויך האָט ער געזאָגט אִין וועלכע בהמה ס'וועט זיין אַ שאלה נאָר ער קאָן נִישט זאָגען וואָס דער דיין וועט פּסק'ענען, ווייל לא בשמים היא, דִי הלכה ווערט נִישט געפּסק'נט דורך אומנאַטורליכע זאַכען.

אֵיינמאָל אִיז דער הייליגער בערדיטשאָווער רב דער קדושת לוי זכותו יגן עלינו געווען ביי דעם רבין פֿון לובלין, האָט דער קדושת לוי אִיהם געפֿרעגט מִיט דעם לשון: „מִיר האָבען געהערט אַז אִיהר זאָגט רוח הקודש. האָט אִיהר וואָס געזעהן ביי אונז". האָט ער אִיהם אויף דעם געענטפֿערט: „אַז אִיהר הייסט מִיך נִישט זאָגען וועל אִיך נִישט זאָגען". און דער קדושת לוי האָט אִיהם געזאָגט: „אִיהר מעגט זאָגען רוח הקודש". נאָכדעם האָט דער צדיק רב יוסף געפֿרעגט זיין פֿאָטער דעם רבין פֿון לובלין: „וואָס זאָגסט דִי הייליגער טאַטע אַזאָלכעס אַז ער וועט דיך נִישט הייסען וועסט דִי נִישט זאָגען קיין רוח הקודש ווען דִי זאָגסט שוין פֿיעל יאָהרען מִיט רוח הקודש, ווִי אַזוי קאָנסט דִי דאָס פּלוצלינג אויפֿהערען". האָט אִיהם זיין הייליגער פֿאָטער געזאָגט „אִיך האָב דאָס אויך געזעהן מִיט רוח הקודש אַז ער וועט מִיך נִישט הייסען אויפֿהערען".

אֵיינמאָל האָט דער הייליגער פּרשיסחער רבי זכותו יגן עלינו ערצעהלט, אַז ס'אִיז אַמאָל געקומען אַ פֿרוי פֿאַר'ן הייליגען רבין פֿון לובלין, און ווען זִי אִיז צוריק אַרויסגעגאַנגען האָט זִי דער רבי הקדוש בעגלייט בִּיז דעם קאָרידאָר. און צוריקגעהענדיג האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים: „אִיך געדענק וואָס דִי הייליגע גמרא זאָגט אחורי ארי ולא אחורי אשה (ס'אִיז בעסער צו געהן אונטער אַ לייב ווִי אונטער אַ אשה), נאָר ווער ס'ווייסט דעם סוד פֿון בעגלייטען דער ווייסט ווִי אָבצוהִיטען זיך און צו פֿיהרען זיך בדרך הישר". און ווען ס'האָט אִיהם אויפֿגערופֿען אִין דעם שבת פֿאַר זיין חתונה מִיט דִי רביצין מרת בילא עליה השלום דִי שוועגערין פֿון דעם גרויסען רב

ר'

ר' ליב דומילעס פון לעמבערג, האט ער געזאגט זײַנע מענשען וואס זי טהוט דאמאלס אין שטוב. און האט זיי געזאגט אַז דאס זאל בײַ זיי נישט זיין שווער צו גלייבען, ווײַל ער איז געבוירען געוואָרען מיט אַ כח צו קוקען מסוף העולם ועד סופו, און נאכדעם ווי ער האט גע=זעהען אַז ער קאן דאס נישט סובל זיין זעהענדיג דאס שלעכטס וואס געפונט צווישען מענשען, האט ער געבעטען בײַ דעם אייבערשטען אַז ער זאל בײַ איהם דעם כח צו נעמען. פונדעסטוועגען זעהט ער פיער=הונדערט מײַל אויף פיערהונדערט מײַל אזוי ווי ער זעהט אין זײַנע פיער איילען. און וואס ווײַטער זעהט ער ווי דורך אַ זיפ.

איינמאל איז געקומען צום רבין פון לובלין דער רײַכער חסיד ר' הערשעלע אפאטשנער וואס איז געווען אַ אייניקעל פון דעם גאון צבי. ער איז געשטאנען צווישען נאך מענשען וואס זענען מיט איהם צוזאמען אריינגעקומען. און דער רבי האט אלע פריהער געגעבען שלום, און נאכדעם האט ער צו איהם געזאגט אַז אַ קרוב ברויכט מען איצט דאמאלס געבען שלום ווען מען דערגעהט שוין אַז ער איז אַ אמת'ער קרוב דאדורך האט ער איהם בעפוילען אַז יעדעס מאל וואס ער וועט פאהרען וועגען זײַן מסחר פון ווין זאל ער דורך פאהרען לובלין און בײַ איהם נעמען רשות. און דאמאלס האט קאזניץ געהערט צו פרייסען. און ער האט געפיהרט דעם ווין פון פוילין. איינמאל האט פרייסען איהם געחאפט בײַ די גרענעץ מיט'ן ווין און דאס איז געווען אַנהייב מוצאי שבת, און דער רבי פון לובלין איז נאך דאמאלס געזיצען בײַ שלש=סעודה און האט געזאגט צו זײַנע חסידים אַז הערשעלע לאזט איהם נישט איינזיצען און ער מוז געהן מתפלל זיין פאר איהם. אין די רגע האבען דארט די שומרים פערזוכט דעם ווין און האבען געפיהלט אַ טעם פון וואסער און האבען איהם אויסגעלאזט און איהם צוריק געגעבען דעם ווין אָהן צאל. ער איז מיט גרויס שמחה געקומען נאך לובלין, און אזוי ווי ער האט איבערגעטרעטען די שוועל האט צו איהם דער רבי געזאגט: „אפילו בײַ שלש=סעודה לאזט די מיך אויך נישט זיצען במנוחה. און פאר נסך האסט די גארנישט איבערצו=קלערען, ווײַל דײַן ווין איז לגמרי אין זײַערע הענד נישט געווען".

## עס שטעהט אין ספר ייטב לב פרשת תולדות.

„דער רײַכער חסיד רבי יעקב ז"ל פון שינאווא האט געשיקט דורך מײַן זיידען טאבאק צום רבין פון לובלין זכותו יגן עלינו. האט דער זיידע געטראכט אַז זײַן מצוה מיט דעם ברענגען דעם טאבאק איז אזוי גרויס ווי רבי יעקב'ס מצוה וואס האט דעם טאבאק געגעבען, ווײַל די גמרא זאגט כל המביא דורון. ווער ס'ברענגט אַ מתנה צו

א תלמיד חכם, כאלו הביא בכורים. איז גלייך ער וואלט געברענגט בכורים, ס'שטעהט נישט ווער ס'געט נאר ווער ס'ברענגט, אפילו דאס איז נישט זיין אייגען, און אזוי ווי דער ייִדע איז אריינגעקומען מיט'ן טאבאק צום רבין, האט ער א שמעק געטהון צום טאבאק און האט געזאגט אז ער פיהלט א ריח פון בכורים, און דאס איז ביי איהם קיין חדוש נישט וויל רבי יעקב האט עס געשיקט און דער שינאווער רב האט עס געברענגט.

# אין דעם ספר ייט"פ שטעהט:

„אז די וועלט זאל וויסען ווי גרויס די היילינגע צדיקים זענען און ווי שארף ס'איז זייער רוח הקודש צו וויסען אלע בעהאלטענע סודות פון מענשען, האב איך דאס געפונען פאר זעהר ריכטיג צו שרייבען אין מיין ספר וואס איך האב געהערט פון דעם היילינגען מויל פון דעם גרויסען גאון רבי משה טייטעלבוים זכרונו לברכה דער מחבר פון ספר ישמח משה אויף תנ"ך און פון די תשובה השיב משה".

ווען ער האט אנגעהויבען אריינצוקלעהרען אין חסידות און ס'האט איהם זעהר געפאלען, האט איהם געארט וואס דער שטייגער פון חסידים איז צו זיין שטענדיג פרייליך נעגען דעם בפירוש'ן דין אין שלחן ערוך אז מ'ברויכט שטענדיג טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש, און אזוי ווי ער האט נישט געוואלט האבען קיין קשיא אויף דעם חסידות. האט ער מתפלל געווען אז אזוי ווי ער וועט קומען צום רבין פון לובלין זאל ער איהם די קשיא ריכטיג פערענטפערן, ווי ער איז געקומען נאך לובלין האט ער איהם תיכף געפרעגט מיט דעם לשון: „וואס זענט איהר אזוי טרויעריג. אמת אז ס'שטעהט אין שלחן ערוך אז יעדער ירא שמים ברויך טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש, אבער ס'איז דא א מאמר החכם פרייד אויפ'ן פנים און טרויער אין הערצען. איהר קאנט מיר גלייבען אז מיר רעכטען אב חצות מיט א יאמערליך געוויין, פונדעסטוועגען איז אלץ מיט שמחה, און אזוי האט מיך מיין רבי ר' שמעלקי פון ניקלסבורג גע-לערינט, און האט מיר אויף דעם געזאגט א משל, מ'האט אמאל גע-פאנגען א מלך און מ'האט איהם זעהר וויט פערפיהרט, אין מיטען וועג האט ער זיך אבגערוהט ביי זיינם א גוטען פריינד, און ווי ער האט געזעהן זיין מלך אין געפענגעניש האט ער געוויינט אהן א שעור. פונדעסטוועגען האט ער זיך אויך געפרייט אז דער מלך שטעהט ביי איהם איין. און דעם נמשל פערשטעהט מען וויל די שכינה איז מיט אונז אין גלות. און חאטש מ'ברויך דאס נישט אזוי צו ענט-דעקען אזוי ווי דער פסוק זאגט הצנע לכת עם ה' אלקיך, נאר די חכמים זאגען הבא לטהר מסייעין אותו, דער וואס קומט זיך מטהר

זיין

זיין איז דאָ פאַר איהם העלפערס, ס'שטעהט נישט אין העלפער נאָר העלפערס. ווייל יעדער ברויכט איהם צוהעלפען".

עס שטעהט אין ספר תפלה למשה אַז ווען דער הייליגער גאון רבי אלעזר ניסן דער רב אין דראָביטש זכרונו לברכה האָט נאָך מעהר נישט געהאַט ווי צוויי קינדער. איינער איז געווען דער מחבר פון ס' ייטב לב וואָס איז דאַמאָלס אַלט געווען פיער יאָהר און נאָך אַ קליינע טאָכטער חנה ראַכעל, האָט איהר מוטער מיט געשיקט מיט איינעם אַ קוויטעל צום הייליגען רבין פון לובלין. און ווי דער רבי האָט געלעזען אין קוויטעל דעם קינד'ס נאָמען יקותיאל יהודה בן רויזא בלימא האָט ער אויסגעשריגען: „עס שיינט עס שיינט" און ווי ער האָט געלעזען דעם מעדעל'ס נאָמען האָט ער אַ זיפץ געגעבען זאָגענדיג „געבעך געבעך", און אַזוי איז געווען. דער גאון רבי יקותיאל יהודה דער מחבר פון ספר ייטב לב האָט די וועלט בעשיינט מיט זיין תורה און חכמה, און טויזענדער אידען זענען דורך איהם אַרויסגעפיהרט געוואָרען פון דעם פינסטערן תהום פון די סטרא אחרא רחמנא ליצלן, און זיין שוועסטער חנה ראַכעל איז נאָכדעם געוואָרען דאָס ווייב פון דעם וועלט בערומטען גאון רבי ישראל כהן ראַפאָפאָרט וואָס איז געווען רב אין טארני און האָט מחבר געווען די שאלות ותשובות מוהרי"ך, און זי האָט נישט געהאַט קיינע קינדער, און איז נעבעך פערברענט געוואָרען אין איהרע יונגע יאָהרען. תנצב"ה.

און אַזוי איז געווען מיט דעם גרויסען הייליגען צדיק רבי אשר ישעי' זכותו יגן עלינו וואָס איז געווען דער ממלא מקומו פון זיין הייליגען שווער רבי נפתלי הירש פון רופשיץ. ווען ער איז נאָך געווען קליין און דער רבי פון לובלין האָט אויף איהם געלעזען אַ קוויטעל, האָט ער געזאָגט: „אַ שען קרבן פסח'ל" און קיינער האָט נישט פערשטאַנען די ווערטער ביז ער איז נפטר געוואָרען ערב פסח אין דעם יאָהר תר"ה. און דעם צדיק'ס פטירה הייסט אַ קרבן פאַר דעם דור, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (חגיגה י"ב ע"ב) אַז דער מלאך מיכאל איז מקריב אויפ'ן מזבח של מעלה די נשמות פון צדיקים מכפר צו זיין די זינד פון די אידען. אַזוי ווי דאָס שטעהט ערקלעהרט באריכות אין דעם ספר מערת המכפלה פון רדב"ט (סי' י"ג). און דאָס האָט דער הייליגער רבי פון לובלין געזעהן מיט אַזוי פול יאָהרען פריהער און האָט אויף דעם מרמז געווען מיט אַ פאָר ווערטער.

נאָך שטעהט דאָרט אין דעם ספר תפלה למשה. אַז ווען דער הייליגער גאון דער מחבר פון ספר ישמח משה (זייענדיג נאָך רב אין שינאַווע) איז אויף שבת געווען אין לובלין, האָט ער שבת אין דער פריה געדאַוועט בצבור אין רבינ'ס בית המדרש צוזאַמען מיט'ן רבין און זיינע הייליגע תלמידים און האָבען איינער. דעם צווייטען געהאָלפען

מקבל צו זיין דעם עול מלכות שמים. ביי נשמת האָט זיך דער ישמח משה דערמאַנט אַז ער האָט אין דער היים געלאָזט שטעקען די שליסעלעך אין שאַנק וואָס דאָרט ליגט יתומים־געלד. און האָט מורא געהאַט אַז מ'זאָל אין די אכסניא דאָס געלד ניט צוגנב'ענען, און אָבצוגעבען אַנדער געלד האָט ער ניט געהאַט ווייל ער איז געווען אַגרויסער אָרעמאַן, דאַדורך האָט דאָס געשטערט זיין דאַווענען. נאָר ער האָט זיך אַליין געשטאַרקט און האָט זיך פֿערזיכערט אויפ'ן אייבערשטען און האָט ווייטער געדאַווענט מיט אַ פֿייערדיג דבקות, און דער משה איז מיט זיין תפלה פשוט אַרויפגעגאַנגען אין הימעל אַריין. נאָכדעם ווי ער איז געזיצען ביי'ם רבינס טיש ביי די סעודה, האָט דער רבי פֿון לובלין געפֿרעגט מיט דעם לשון: „וואָס איז דאָס געווען וואָס רבי משה שינאָווער איז מיט אונז מיטגעגאַנגען ביז נשמת נאָכדעם האָב איך איהם ניט געזעהן ביז יוצר אור, און אַז מ'פֿערגעסט שוין די שליסעלעך ברויכט מען מבולבל ווערען ביי דעם הייליגען דאַווענען".

נאָך שרייבט דאָרט דער תפלה למשה, אַז דער הייליגער גאון דער מחבר פֿון ספר ישמח משה האָט געזאָגט אויפ'ן הייליגען רבין פֿון לובלין זכותו יגן עלינו אַז ער איז געווען רייך אין אַלע געטליכע מדרגות פֿון ישעיה הנביא און ס'האָט איהם מעהר ניט געפֿעהלט נאָר די בחינה פֿון ארץ ישראל [דאָס הייסט ווייל ער איז געווען אין חוץ לארץ, אַזוי ווי די גמרא (מ"ק כ"ה) זאָגט אויף ר' יהודה הנשיא, אַז ער איז געווען ראוי אַז די שכינה זאָל אויף איהם רוהען נאָר די שטאָדט בבל האָט גורם געווען. דאָס הייסט אַז נאָר די מניעה אַליין איז געווען ביי דעם רבין פֿון לובלין וואָס ער איז ניט געווען אין ארץ ישראל, אָבער ניט וואָס זיין דור איז ניט ראוי געווען צו די שכינה, אַזוי ווי די גמרא (סוטה מ"ח) זאָגט אַז ס'איז אַרויס אַ בת קול אויף הלל הזקן און שמואל הקטן אַז זיי זענען ראוי געווען אַז די שכינה זאָל אויף זיי רוהען, נאָר זייער דור איז ניט געווען ווערט צו אַזוי אַ געטליכע הצלחה].

דער הייליגער פרשיסחער רבי זכרונו לברכה האָט ערצעהלט אַז דער קאָסאָווער רבי דער מחבר פֿון ספר אהבת שלום איז געווען זעהר נעליעבט ביי דעם הייליגען רבין פֿון לובלין זכותו יגן עלינו, איינמאָל האָט ער איהם פֿערבעטען צו זיך קיין לובלין אויף ראש השנה, נאָר זיינע מענשען האָבען איהם ניט געלאָזט פֿאָהרען, און ער האָט אַהין געשיקט זיין זוהן דעם מחבר פֿון תורת חיים ער זאָל איהם פֿערטיידיגען אַז מ'לאָזט איהם ניט פֿאָהרען. האָט דער רבי געענטפֿערט: „אַז ווען ער בעדאַרפֿט זיך פֿערטיידיגען און ער ווייסט ניט אַז איך האָב דאָס אַליין פֿערשטאַנען האַלט ער מיך ניט פֿאַר זיינס אַ אמת'ער ידיד, דאַדורך קאָן איך איהם מעהר קיין טובה ניט טהון און ער איז טאַקי אין דעם זעלבען יאָהר נסתלק געוואָרען.

דעם רבין פון לובלינ'ס פאטער איז געווען דער יוזעפאָווער רב הרב הצדיק הגדול רבי אליעזר זכותו יגן עלינו, וואס יעדע נאכט נאך זיין טובל זיין זיך אין מקוה איז ער געגאנגען אין שוהל אריין עוסק זיין אין תורה בקדושה וטהרה. און ער האט געטהון א שדוך מיט זיין היילינען זוהן מיט א גביר פון קראסנאבראד א פשוט'ער מענש וואס האט געהאלטען אונטער די שטאדט א קרעטשמע. א נאכט פריהער פאר דעם חתונה=טאג ביי די סעודה וואס מ'האט דאמאלס גערופען התן=מאל, האט דער חתן געזאגט צו זיינע חברים אז די כלה האט א פנים ווי א גויה, און זיי האבען דאס אבפערצייהלט זיין פאטער דעם יוזעפאָווער רב. און ער האט איהם אנגעשריגען און האט איהם גע=צווינגען צו מאכען מארגען די חתונה און האט זי מקדש געווען. נאר נאך די חופה איז דער חתן פון דארט עגטלאפען און האט א גאנצע נאכט געבלאנדזיעט ביז ער איז צו מארגענס אין א דארף אריין וואס דארט איז געווען א מענש וואס מ'האט איהם גערופען ר' דניאל. דער חתן אנגעטהון אין די חתונה=מלבושים האט געבעטען מ'זאל איהם עפעס געבען צו עסען, וויל ער האט דעם נעכטיגען חופה=טאג געפאסט. ווי ער האט דארט עפעס טועם געווען איז ער געגאנגען צום רבין ר' שמעלקא און האט צוויי יאהר געלערנט אין זיין ישיבה. און ר' שמעלקא האט מעיד געווען אז אין די צוויי יאהר האט ער מקבל געווען זיינע געטליכע מעלות, און ער האט דארט געלערנט אז זיין זעהן און ריידען זאל זיין נאר פאר'ן אייבערשטענס וועגען. אין די צייט איז אהין געקומען זיין פאטער און געבעטען רבי שמעלקען ער זאל ביי איהם פועל'ן אהיים צו פאהרען צו זיין וייב וואס ער האט זי מקדש געווען כדת משה וישראל. נאר רבי שמעלקע האט איהם געענטפערט ער וויל איהם אין די זאך קיין דעה נישט זאגען. און האט נאך איהם אנגעזאגט אז ער זאל זיין היילינען זוהן נישט ברענגען עובר צו זיין אויף די גרויסע מצוה פון כבוד אב. און ס'האט נישט לאנג גע=דויערט האט זי זיך געטויפט.

ווען דער רבי פון לובלין איז אין זיין יוגענד געווען אין רבי שמעלקעס הויז, האט ער זיך נוהג געווען צו זאגען טאג טעגליך די ברכות בקול רם פאר דעם רבין ר' שמעלקא, און ער האט אויף זיי געענטפערט אמן. און זיינע אנדערע תלמידים האבען איהם אויף דעם זעהר מקנא געווען, נאר רבי שמעלקא האט זיי געזאגט אז אויף זיינע ברכות ענטפערט אויך די פמליא של מעלה אמן.

ווען דער רבי פון לובלין האט געלערנט אין רבי שמעלקעס ישיבה צוויי יאהר נאך זיינע אויוועדערמאנטע חתונה, איז ער געזיצען אין די ישיבה אויף א בעהאלטען ארט, קיינמאל נישט געפרעגט קיין קשיא ווי די אנדערע בחורים, נישט ארויסגעקוקט פון זיינע פיער איילען, נאר שטענדיג געגאנגען מיט אראב געלאזטע אויגען און מיט פיעל תמימות.

התמימות, דאדורך האט איהם רבי שמעלקא ליעבער געהאט פאר אלע זיינע תלמידים. און פיעל מאל האט דארט דער צדיק רבי שלמה (וואס איז געוועזען רב אין קשאנעוו) איהם געוואלט פערהערען און וויסען ווי ער האלט אין לערנען. איינמאל איז ער צו איהם צו געקומען מיט די גמרא אין האנד. און האט איהם געפרעגט פשט אין א תוספות, דאמאלס האט ער געזעהן אז ער איז שוין א גדול בתורה, ווייל דער תוספות איז געווען זעהר שווער, און ער האט זיין פשט געהערט פון א גרויסען גדול, און איצט האט דער יונגערמאנטשיק געזאגט דעם זעלבען פשט. און ווי ער איז איהם געקומען דאס צווייטע מאל פרעגען א שווערען תוספות, האט ער איהם מיט תמימות געענטפערט: „איך וויל נאך זיין א נסתר און איהר ווילט מיך שוין מאכען פאר א נגלה". דער ענטפער האט איהם זעהר שעהן געפאלען און האט איהם א קוש געגעבען אויפ'ן קאפ.

איינמאל זענען גרויסע חסידים געפאהרען נאך לובלין מיט א בעל עגלה, און ווי זיי זענען אריינגעקומען אין שטאדט אריין, האט זיי דער בעל עגלה געבעטען זיי זאלען פון איהם צו נעמען זיין קוויטעל און דאס קוויטעל אבגעבען דעם רבין. זיי האבען דאס איהם צוליעב געטהון און דאס קוויטעל אבגעגעבען דעם רבין. און ווי דער רבי האט געזעהן דעם בעל עגלה'ס נאמען אויף דעם קוויטעל, האט ער געזאגט: „דער נאמען לייכט זעהר, ווער איז דאס דער מענש". זיי האבען זיך זעהר גע-וואונדערט הערענדיג די ווערטער, ווייל זיי האבען אין דעם בעל עגלה קיין הויכע זאך נישט געזעהן און האבען איהם אויפ'ן גאנצען וועג געהאלטען פאר א פראסטען מענש. ווי דער רבי האט בעמערקט אז זיי וואונדערן זיך אויף זיינע ווערטער, האט ער צו זיי געזאגט „אפשר לייכט זיין נאמען נאר איצט". נאר די חסידים האבען זיך מיט די צווייטע ווערטער נישט בערוהיגט וויסענדיג אז דאס וואס געהט ארויס פון לובלינער רבי'נס מויל איז הייליג, דאדורך האבען זיי אנגעהויבען צו זוכען דעם בעל עגלה אין אלע גאסען און זעהן וואס ער טהוט. זיי זענען געקומען אין א גאס אריין און האבען געזעהן ווי דער זעלבער בעל עגלה שטעהט און טאנצט און שפיעלט מיט א כלי-זמר. זיי האבען איהם געפרעגט וואס ער איז אזוי אויפגערוימט, און ער האט זיי געענטפערט די ווערטער: „ווי איך בין אריינגעקומען אין די שטאדט האט זיך מיך פערגלוסט אביסעל אויפצוהייטערן זיך, און הערענדיג אויף די גאס א מוזיק, בין איך מיר אריינגעגאנגען זעהן וואס דאס איז און האב געטראפען א חתונה פון א יתום מיט א יתומה, ווי איך בין מיר דארט א ביסעל געווען, האב איך געהערט דעם מחלוקת וואס איז דארט פארגעפאלען צווישען חתן און כלה, ווייל די כלה האט נישט געהאט צוקויפען פאר'ן חתן א טלית, הערענדיג דאס האב איך ארויס גענומען מיין בייטעלע מיט'ן געלד און האב געגעבען צו קויפען א טלית און מ'האט מיט מזל געשטעלט די חופה. דאדורך בין איך אזוי פרייליך"

ווי

זוי די חסידים האָבען דאָס געהערט, האָבען זיי פֿערשטאַנען דעם הייליגען רבינ'ס ווערטער: „אפשר לייכט זיין נאָמען גאָר איצט".

אין די צייט וואָס דער רבי ר' זושע האָט אָבגעריכט גלות און איז אַרומגעגאַנגען נע ונד פֿון איין שטאָדט אין די צווייטע און קיינער האָט פֿון איהם נישט געוויסט, איז ער אַריינגעקומען אין די שטאָדט וואָס דער פֿאָטער פֿון רבין פֿון לובלין האָט דאָרט געוואוינט, און דער רבי פֿון לובלין איז דאַמאָלס אַלט געווען צעהן יאָהר, און ווי דער רבי ר' זושע איז געשטאַנען איינגעהילט אין טלית אונטער דעם אויווען און געדאַווענט אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען, יעדעס מאָל האָט ער געוואָרפֿען זעהר טיעפֿע בליקען אויף דעם יונגעל און ווייטער גע=דאַווענט, דאָס יונגעל האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען צו פֿערגיסען טרערען און שרעקליך געוויינט, און דער רבי ר' זושע האָט אויף דעם נישט געקוקט. און ווי די טרערען פֿון קינד האָבען זיך שוין אויסגעלאָזט און ס'האָט אָנגעהויבען רינען בלוט פֿון זיינע אויגען, דאַמאָלס האָט זיך דער רבי ר' זושע אויסגעבויגען צו איהם און געזאָגט: „איך האָב דיר איצט אַריינגעגעבען אַ נפש ורוח, איצט געה צו מיין ברודער אלימלך וועט ער דיר געבען אַ נשמה". און פֿון דאַמאָלס אָן איז ער געוואָרען אַ תלמיד פֿון הייליגען רבין ר' אלימלך זכותו יגן עלינו.

אין זיינע יונגע יאָהרען האָט דער רבי פֿון לובלין געהאַלטען זיעבען יאָהר פֿערשלאָסען זיינע אויגען ער זאָל נישט זעהן קיין אונ=ריינע זאַך, אויסער ביי דעם דאַווענען און לערנען וואָס זיינע אויגען זענען געווען אָפֿען, און פֿון דעם איז ער קורצזיכטיג געוואָרען.

דער הייליגער רבי פֿון נעסכיז זכרונו לברכה האָט ערצעהלט, אַז ווען דער רבי פֿון לובלין איז נאָך געווען יונג איז ער געגאַנגען צום רבין ר' אלימלך פֿון ליזענסק. און האָט אין וואַלד געזעהן ווי עס לייכט זיך אין אַ שטוב איז ער דאָרט אַריינגעגאַנגען, און זיין גע=פֿרוירענער קערפּער פֿון רעגען האָט זיך אין די שענע וואַרעמע שטוב דערקוויקט,

איך האָב אויף מיר מקבל געווען איך זאָל נישט טהון אפילו אַזוי אַ זאַך וואָס עס איז ערלויבט סיידען איך טהו מיט דעם אַ נחת רוח דעם אייבערשטען, און וואָס פֿאַר אַ נחת רוח וועט דער בורא יתברך האָבען פֿון דעם". און ווי ער האָט די ווערטער גע=ענדיגט איז פֿון איהם די שטוב מיט אַלעמען פֿערשווינדען געוואָרען און האָט זיך געפֿונען שטעהן אין מיטען וועג, האָט ער פֿערשטאַנען אַז דאָס האָט מען עקסטרע געמאַכט פֿון הימעל צו פּרובען איהם אויב ער וועט דעם נסיון בייקומען.

נאך האט דער נעסכיזער רבי ערצעהלט. אז אידער דער רבי פון לובלין איז נתפרסם געווארען, איז ער געקומען צום גרויסען מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו. ערב שבת האט דארט דער שמש ר' שלמה סקאהלער געגרייט דעם טיש מיט צוועלף חלות. דער לובלינער האט געוויסט אז ביי מלוה מלכה וועט ער נישט האבען וואס צו עסען, האט ער אבגעבראכען פון די חלות א שטיקעל ווען קיינער האט נישט געזעהן און האט עס בעהאלטען אויף די מלוה מלכה, ווי דער הייליגער מגיד איז אריינגעקומען צום טיש האט ער גלייך גע־פרעגט ווער ס'האט אבגעבראכען פון א חלה א שטיקעל. ר' שלמה איז בייז געווארען און געוויזען אויפ'ן לובלינער זאגענדיג: „דאס האט נישט געטהון נאר דער פולישער". דער מגיד האט איהם דאס געפרעגט, און ער האט איהם בתמימות ערצעהלט אז ער האט געוואלט מקיים זיין די מצוה פון מלוה מלכה. דער מגיד איז פון דעם שטארק נתפעל געווארען, ער האט אויף איהם גלייך ארויפגעלייגט זיינע הענד און האט איהם געבענשט אז ער זאל מקיים זיין די מצוה פון מלוה מלכה מתוך הרחבה.

דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו האט געפלעגט דאווענען נאר ביחידות, נאר ביי אין כאלקינו האט ער געהייסען אריינרופען א מנין. איינמאל איז צווישען דעם מנין אריינגעגאנגען דער רבי פון לובלין זי"ע, האט דער מגיד געזאגט: „ברענגט אריין א אנדערן אויף זיין ארט וויל ער איז א בטלן". נאר וויל מ'האט דאמאלס נישט געפונען קיין צווייטען איז ער שוין דארט איבערגעבליבען. און ווי דער מגיד האט געוויזען זיין התלהבות ביי אין כאלקינו, איז דער רבי פון לובלין געפאלען אין חלשות אז מ'האט איהם קוים דער־מינטערט. נאך דעם דאווענען האט דער מגיד געזאגט: „איך האב דאך אייך געזאגט אז איהר זאלט ברענגען א אנדערן וויל ער איז א בטלן, א"זוי ווי ער האט דערזעהן די פמליא של מעלה האט ער געחלש'ט, און א אנדערער וואס האט נאר בלויז מענשליכע אויגען זעהט גארנישט און שרעקט נישט דאס מינדעסטע.

דער אנהייב ווען דער רבי פון לובלין איז נתגלה געווארען איז געווען ווען ער האט זיך איבערגעצויגען פון די שטאדט לאנצהוט אין גאליציען נאך טשעכיוו לובלינער גובערניע. און ווי ער איז געזיצען א קליינע צייט אין טשעכיוו, האט זיין נאמען אנגעהויבען צו שיינען און ביסלעכווייז האבען אנגעהויבען מענשען צו איהם צו פאהרען און הערען די וואונדער וואס געהן אהן אויפהער ארוים פון זיין הייליג מויל. אין די צייט איז דא שטאדט לובלין געווען פול מיט גרויסע לומדים און אמת'ע צדיקים, נאר זיי זענען געווען מתנגדים און דער חסידישער וועג איז נאך ביי זיי זעהר פרעמד געווען, און זיי האבען נישט פערשטאנען אז דער חסיד איז אויך א ערליכער איד, נאר זיי

האבע

האבען געהאלטען דעם חסיד אז ער איז עובר אויף די תורה און ער פיהרט זיך נעגען שלחן ערוך, האטש ס'האבען זיך דאמאלס געפונען די חסידים פון רבינו ר' אלימלך זכותם יגן עלינו, וואס אפילו ערלים האבען נישט געקאנט אבלייקענען זייערע וואונדערליכע מעשים נאר זיי זענען אבער געווען אחד בעיר ושנים במשפחה, און ווי זיי האבען געהערט אז נעבען לובלין איז פלוצלינג נתגלה געווארען אזוי א חסידישער רבי, און ער ציהט צו זיך צו טויזענדער מענשען, און לערנט זיי אויסצוטוישען זייער מתנגדישער וועג אויפ'ן חסידישען וועג, זענען זיי אויף איהם מלא חמה געווארען און האבען איהם אנגעהויבען מבזה צו זיין און אויף איהם מקטרג צו זיין כדי ער זאל נישט קאנען נאך מעהר צו ציהען צו זיך.

איינמאל אין דער פריה איז איינער פון די לובלינער גדולים גע= קומען נאך טשעכיוו, און דארט איז דער מנהג אז דער שמש קלאפט אן יעדען פריהמארגען מיט זיין האמער אויף די טהירען און פענסטערס מודיע צו זיין דעם עולם אז ס'איז געקומען די צייט צו געהן אין שוהל אריין דאווענען בצבור דער רבי האט ארויסגעשריגען צום שמש דורך דעם פענסטער אז ער זאל שטעהן און ווארטען און ער געהט שוין צו איהם ארויס וועגען א וויכטיגען ענין וואס ער ברויכט מיט איהם רייידען. דער רבי איז צו איהם שנעל ארויסגעלאפען מיט א קריג וואסער, און האט איהם דערלאנגט די קריג ער זאל זיך דריי מאל וואשען די הענד בסירוגין, און ווי דער שמש האט זיך אבגעוואשען האט דער רבי גענומען די קריג און אריינגעגאנגען אין שטוב. דער לובלינער גדול וואס איז דארט געווען האט דאס זעהר פערוואונדערט צוגעקוקט און האט דעם שמש געפרעגט וואס איז דאס אזוינס, דער שמש האט איהם ערנסט ערצעהלט, אז ער איז די גאנצע נאכט גע= ווען אויף א חתונה און ווען ס'איז שוין געווען נאהנט צו טאג איז ער אהיים געגאנגען מיעד און פערמאטערט און ער איז אזוי האסטיג איינגעשלאפען אז ער האט שעור פערשפעטיגט אויפצושטעהן אין די ריכטיגע צייט צו געהן אויפוועקען די בעלי בתים זיי זאלען געהן אין שוהל אריין דאווענען, נאר זיינע בני בית האבען איהם אויפגע= וועקט מיט א שרעקליך אויפרעגונג אז ער פערשפעטיגט דעם זמן תפלה און אויפחאפענדיג האט ער זיך אזוי געאיילט אז ער האט פערגעסען די הענד אב צוניסען און איז מיט'ן האמער ארויסגעלאפען אויפ'ן גאס. און דער רבי האט געזעהן מיט זיין רוח הקודש אז ער געהט אהן נטילת ידים דאדורך האט ער איהם ארויסגעטראגען די קריג וואסער און האט פון איהם דעם רוח רעה פערטריבען.

ווי דער לובלינער גדול האט דאס געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען. איז ער זעהר נתפעל געווארען פון דעם רבינ'ס רוח הקודש און נאך מעהר פאר דעם איז ער נתפעל געווארען אויף דעם רבינ'ס

תמימות, אַז דער דין פֿון די גמרא און דער שלחן ערוך איז בײַ איהם אַזוי טײַער אַזוי ליעב, אַז ער האָט נישט חס געדאַט אויף זײַן כבוד און אַרויסטראָגען אויף די גאַס פּאַר אַ ניעדעריגען שוהל שמש אַ קריג וואַסער אַז ער זאָל נישט געדען פֿיער איילײַן אָהן נטילת ידים. און ווי דער לובלינער גדול איז צו זיך אַהיים געקומען נאָך לובלין, און האָט דאָס אַלץ ערצעהלט זײַנע חברים די לומדישע מתנגדים האָבען זיי פֿערשטאַנען אַז ס'איז נישט אמת דאָס וואָס זיי האָבען אויסגערעדט אויף די חסידים אַז די דינים פֿון שלחן ערוך און די הײליגע חכמים'ס ווערטער האָבען בײַ זיי קיין בעטרעף נישט, נאָר ס'איז פֿערקערט אַז דאָס גאַנצע חסידות איז נתגלה געוואָרען אויף די וועלט צו פֿערשטאַרקען דעם שלחן ערוך, און אויפֿצובלאָזען אין די אידישע הערצער די פֿערלאָשענע פֿינקען צו לעבען און שעצען די הײליגע תורה מיט אַלע איהרע דינים, און אַלץ וואָס דער איד טהוט ברויכט זײַן לשם שמים.

דאָס האָט געמאַכט אַזוי אַגרויסען רושם אין לובלין, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען צו געהן זעהן דעם רבינ'ס התהלכות, און האָבען געזעהן אַז ער איז אַ אמת'ער קדוש וטהור, און וואָס ער טהוט איז אַלץ מיט רוח הקודש, און מיט די צײַט זענען זיי געוואָרען ווי צוגעבונדען צו איהם מיט אַ אמת'ע אהבה, און האָבען אַלע זײַנע ווערטער מבליע געווען בנעימות.

דער נאָמען פֿון דעם רבין איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרען גרעסער יעדען טאָג איז אַ אַנדערער געקומען נאָך לובלין פֿון דעם קלײנעם שטעדטעל טשעכיוו און האָט פֿון איהם ערצעהלט אַנדערע נפלאות. די גדולים פֿון לובלין האָבען געמאַכט אַ גרויסע אספה. און זיי האָבען מסכים געווען צו בעטען דעם רבין אַז ער זאָל פֿערלאָזען טשעכיווע און בעזיצען זיך אין לובלין, כדי זיי זאָלען זײַן נאָהנט צו איהם און זאָלען קאָנען אָפֿט הערען זײַנע תורות, און דער רבי האָט זייער פֿער=לאַנג נישט אָבגעזאָגט און האָט זיך אַרײַנגעצויגען אין לובלין. און דאָרט האָבען אָנגעהויבען צו קומען טויזענדער מענשען פֿון אַלע עקען וועלט, צווישען זיי די גרויסע וועלט בערומטע צדיקים און גאונים, וואָס זענען יעדעס מאָל ערשטוינט געוואָרען הערענדיג זײַנע עצות און זײַנע תורות וואָס דער רוח הקודש איז אין זיי געווען אַ רוח און אַ נשמה און דער הײליגער רבי איז דאָרט געזיצען אויף זײַנע הײליגע שטוהל ביז ער איז נסתלק געוואָרען אין תשעה באב אין דעם יאָהר תקע״ה. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

אין דעם יאָהר תקע״ד וואָס די וועלט האָט געזעהן די וואונדער פֿון אייבערשטענס השגחה מיט דעם וואָס דער קייזער נאַפּאָלעאָן איז געגומען געוואָרען אין געפֿענגעניש. און פֿיעל האָבען דאַמאָלס געזאָגט נבואות אַז דעם אייבערשטענס נאָמען וועט דאַמאָלס נתגדל ונתקדש

ווערען

ווערען אָהן אַ שעור. אַזוי ווי דער הייליגער רבי פון לובלין האָט דאַמאָלס געהאָפט אַז דער מלך המשיח קומט אָן. אויך דער בער־דיטשעווער צדיק דער קדושת לוי האָט געזאָגט פאַר זיין פטירה אַז ער וועט אַלע צדיקים נישט געבען קיין מנוחה פאַר וואָס איז משיח בן דוד נאָך נישט געקומען. אויך האָט מען שטאַרק געשמועסט אַז דער איד הקדוש וועט נסתלק ווערען פון די וועלט, און וועט זיי זיין צו הילף אין דעם עולם העליון, אויך אין דעם וועלען צו העלפען די קדושים, דער מגיד פון קאָזניץ, דער מאור ושמש, אויך דער ברעזאַנער רב ר' נפתלי הירץ היילפרין, און ער האָט געפונען אַ עת רצון אין די נאַכט פון שמחת תורה וואָס אַלע אידען זענען זכאים נאָך דעם הייליגען יום הדין. אין שמיני עצרת האָבען אַלע ביי איהם אין שטוב געטרונקען מעד, און די לעהרע גלעזלעך האָבען זיי אַוועקגעשטעלט אויפ'ן פענסטער, און דער רבי פון לובלין האָט געזאָגט מיט זיין הייליג התלהבות: „ווען מיר האָבען אַ גוטען שמחת תורה וועלען מיר אויך האָבן אַ גוטען תשעה־באב". (ווייל ווען משיח וועט קומען וועט תשעה באב זיין אַ יום טוב). און נאָך די הקפות האָט ער אָנגעזאָגט זיינע לייבמענטשען, אַז זיי זאָלען זיין אין זיינע גרויסע שטוב. און זאָלען איהם אָבהיטען אין זיין חדר מיט אָפענע אויגען, נאָר זיי זענען געוואָרען ווי טויב און האָבין דאָס נישט געהערט, האָט ער דאָס אָנגעזאָגט די רביצין בילא עליה השלום אַז זי זאָל זעהן איהם צו היטין, נאָר ווען גאָט ברוך הוא איז נישט דער היטער איז אומזאָנסט דאָס מענשליכע היטין, דער הייליגער קאָזניצער מגיד איז נסתלק געוואָרען ערב סוכות. אין די שטוב וואָס דער מאור ושמש האָט געוואוינט האָט מען פלוצלינג אַריינגעוואָרפען שטיינער און אויסגעהאַקט די שויבען, און ער האָט געשריגען ווער ווייסט וואָס מ'הערט דאָרט אין לובלין. דער רבי פון לובלין האָט זעהר שרעקליך געוויינט. ס'האָט פלוצלינג די רביצין געדאַכט אַז זי הערט ווי אַ קינד קלאַפט אָן מיט געוויין אויף איהר טהיר. זי האָט פערגעסען וואָס דער רבי האָט איהר אָנגעזאָגט אַז זי זאָל איהם זעהן צו היטין, און זי איז געגאַנגען עפענען די טהיר, און ווי זי איז צוריק געגאַנגען האָט זי שוין דעם רבין נישט געטראָפען אין שטוב נאָר זי האָט געזעהן ווי מען האַפט איהם אַרוים דורך דעם פענסטער זיינע לייבמענשען האָבין פערשטאַנען אַז דאָס איז נישט אַזוי גלאַט ווייל דאָס פענסטער איז געווען אין די הויך, אויך זענען די לעהרע גלעזלעך און בוקלעס ווייטער געשטאַנען ווי פריהער, אויך די גאַנצע פונפצעהן יאָהר וואָס ער איז געזיצען אין דעם חדר, איז ער קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען צום פענסטער אַרויסקוקען אויף די גאַס. זיי האָבען איהם איינינע שעה געזוכט ווי ס'איז נאָר דאָ אַ אָרט און האָבען איהם נישט געפונען.

**ווי דער חסיד רבי ליזר חמעלניקער, דער איידעם פון הייליגען צדיק**

צדיק רבי הערשעלע סטאשיווער זי"ע, איז געגאנגען אַ ערך פֿון פֿונפציג איילען ווייט פֿון רבינס שטוב. האָט ער געהערט ווי אַ מענש קרעכצט, און האָט געפֿרעגט ווער דאָס איז, האָט ער געהערט אַ ענטפֿער: „יעקב יצחק בן מטל". ער האָט געמאַכט אַ גרויסען רעש און די גרויסע תלמידים האָבען זיך דאָרט פֿערזאַמעלט, און האָבען געמאַכט אַ גורל ווער ס'זאָל איהם טראָגען ביי דעם קאָפּ, ווער ביי די פֿיס, און ווער ביי'ם גוף, און דער הייליגער רבי ר' שמואל פֿון קאַרוב ז"ל האָט זוכה געווען צו טראָגען איהם ביי דעם קאָפּ, און האָט געזעהן ווי דער רבי שאָקעלט מיט די ליפּען, ער האָט צוגעבויגען זיינע אויערען און האָט געהערט ווי ער זאָגט תקון לאה, און האָט געזעהן אַז דאַמאָלס איז ביי איהם זייגער עקף וואָס דאָס איז ביי איהם שטענדיג געווען דער זמן פֿון חצות, דאָס הייסט אַז אויך אין אַזוי אַ לאַגע האָט ער נישט פֿערגעסען חצות אָבצורעכטען.

דער הייליגער רבי פֿון לובלין איז קראַנק געוואָרען אין חודש אדר, און זיינע מתנגדים האָבען געמיינט אַז ער ווערט שוין נסתלק, דאַדורך האָבען זיי זיך געפֿרייד און געטרונקען וויין. און ווי דער רבי האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט: „אַז ווען איך וועל אַוועקגעהן פֿון די וועלט, וועלען זיי קיין וואַסער אויך נישט קאָנען טרינקען". און אַזוי איז געווען אַז דער הייליגער רבי איז נסתלק געוואָרען אין תשעה באב.

דער רבי האָט געזאָגט אַז מ'האָט איהם גענומען אין הימעל אַריין צום דין. וועיל ער האָט דוחק געווען דעם קץ. און ס'איז אַרויס אַ פּסק מ'זאָל איהם וואַרפֿען אַרויס אויף די ערד, און דער קאָזניצער מגיד האָט פֿערשפּרייט זיין פּאָלע ער זאָל לאַנגזאַם אַראָבפֿאַלען, און ווען נישט דער מגיד וואָלט אין איהם אַ נאַגען ביינדעל נישט געבליבען, און פֿון דעם האָט ער פֿערשטאַנען אַז דער מגיד הקדוש איז נסתלק געוואָרען און ווען ער זאָל פֿון דעם וויסען וואָלט ער דאָס גאָרנישט אָנגעהויבען אָן, דער הייליגער רבי נפתלי הירדין אין מיטען זיין טאַנצען און זינגען מיט זיינע חסידים לויט די כונה פֿון אר"י הקדוש, איז אַראָב אַ פֿייער פֿון הימעל דאָרט אין שטוב אַריין, פֿיעל מענשען זענען פֿון דאָרט ענטלאָפֿען קוים מיט זייער לעבען, זיין אידישע דיענסט איז פֿערברענט געוואָרען, און ער איז געשטאַנען זאָגענדיג שבחים צום אייבערשטען.

דער הייליגער צדיק הרי"א מקומארנא ז"ל שרייבט אין זיין ספר מגלת סתרים: „מיין פֿאָטער נשמתו עדן איז געווען אַ תלמיד פֿון רבין פֿון לובלין, וואָס דער שורש פֿון זיין נשמה האָט געלייכט מסוף העולם ועד סופו, דער שורש פֿון משה רבנו און דעם הייליגען אר"י, וואָס האָט זוכה געווען צו אַרוח הקודש וואָס מיר האָבען אַזוינס אין אונזער צייט נישט געזעהן. פֿון הייליגען בעל שם אָן ביז זיין צייט איז נישט געווען אַזוי פֿיעל התגלות ווי ביי איהם. און ווען איך בין אַלט געווען

ניין

גאנץ יאהר האב איך זוכה געוועזן צו זיין מיט מיין פאטער אין לובלין, און האב געזעהן ווי זיין פנים פלאקערט ווי פייער, און ווען ער האט געבענטש זיין טהיר מען זאל זאגען כגונא, האב איך געזעהן ווי אויף זיין קאפ שיינט א פייער. און איך בין ביי איהם געוועזן פסח און האב פון איהם געזעהן גרויסע וואונדערליכע זאכען פול מיט רוח הקודש, זיינע הויכע און גרויסע מדרגות, אויך זיין דאווענען מיט מסירות הנפש צו אמת'ער פלאם פייער פון די הויכע היילינגע הימלען".

אין דעם היילינגען ספר זוהר חי אויפ'ן זוהר הקדוש (ויקרא דף ה') שטעהט, אז לויט דעם דארטיגען זוהר איז, אז דער וואס האט נישט קיין ווייב טאר נישט דאווענען פאר'ן עמוד מוציא צו זיין א רבים ווייל זיין עבודה איז פסול. און דער היילינגער קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו איז אלט געוועזן העכער זיבעציג יאהר ווען זיין ווייב איז געשטארבען, און ער האט שוין נישט געוואלט מעהר חתונה האבען ווייל זיין כח איז שוין בטל געוועזן, האט דער לובלינער רבי איהם געשיקט זאגען מיט דעם לשון: „זאג איהם פאר מיין נאמען אז אין די ימים נוראים, אויך אזוי אין יעדען טאג, זענען זיינע תפלות נישט ארויפגעגאנגען ווי ס'ברויכט זיין, נישט ליבער און נישט קלאהר, אמת טונקעל. און זאג איהם פאר מיר אז ער זאל נעמען א ווייב". די ווערטער האבען אויף איהם זעהר געווירקט און האט חתונה געהאט.

## אין דעם ספר שארית ישראל (דרוש ה') שטעהט געשריבען:

„אזוי איז געוועזן דער שטייגער פון היילינגען רבין פון לובלין, ווען ער האט געלערנט גמרא, האט ער געלערנט א דף מיט עיון, נאכדעם האט ער דעם זעלבען דף בלוים גערעדט מיט'ן מויל, ווייל ער האט געליעבט די גמרא'ס ווערטער אפילו אהן עיון".

איינמאל האט דער רבי פון לובלין געוואלט אויפשטעהן פריהער ווי אלע מאל, ווייל ער האט עפעס געוואלט מתקן זיין א גרויסע זאך און ער האט אנגעזאגט זיין בני בית, אז זיי זאלען איהם דאס מאל פריהער אנגרייטען די וויטשערע ווי אלע מאל. און זיי לא די וואס זיי האבען איהם די וויעטשערע נישט אנגעגרייט פריהער האבען זיי נאך פערשפעטיגט ווי אלע מאל. און זיין גאנצער בנין איז דורך דעם צולייגט געווארען. האט ער געזאגט מיט דעם לשון: „איך ברויך אין אמת זיין אין כעס אויף מיינע בני בית, נאר וואס האב איך דען מכוון געוועזן מיט מיין וועלען אויפשטעהן פריה, צו טהון דעם רצון פון אייבערשטען זאל איך איצט טהון פערקערט פון אייבערשטענס רצון, וואס ער הייסט נישט זיין אין כעס".

## אין דעם ספר היכל הברכה (פרשת תשא) שטעהט.

„איין תלמיד האָט געהערט ווי דער רבי פון לובלין זאָגט פאַר זיין לערנען נאָך חצות: רבונו של עולם אפשר בין איך פון די וואָס ס'שטעהט אויף זיי מה לך לספר חקי" (וואָס האָסט די צו ערצעהלען מיין געזעץ), און ער האָט אָנגעהויבען אונגעהויער צו וויינען און ביטערן און געזאָגט פיעל תחינות ובקשות גלייך ער וואָלט חלילה געווען דער ערשטער זינדיגער מענש.

דער רבי פון לובלין זכותו יגן עלינו האָט געזאָגט צום הייליגען חסיד רבי זלקא צאַנזער זכרונו לברכה מיט זעהר אַ פערביטערט הער: „איך פערשטעה דאָס גרויסקייט פון מיין אדון (הער) און בין מיך מתכוון מורד צו זיין אין איהם און איך דערצערן איהם יעדעס מאָהל, איך האָב אויף דעם קיין טרייסט נישט נאָר ווען ס'וועט קומען די צייט וואָס די יסודות פון מיין גוף וועלען צושייד ווערען און איך וועל צוריק געהן אין די ערד אַריין, דאָרט רוהען אַלע שלעכטע מענשען און דאָס איז מיין טרייסט".

## אין דעם הייליגען ספר נוצר חסד (פ"ג משנה ד') שטעהט געשריבען:

„דאַדורך זאָל דער מענש שלאָפען ביי טאָג כדי ער זאָל וועניגער שלאָפען ביי נאַכט, אַלץ לויט די מענשליכע קרעפטען און לויט די צייט. און אַזוי האָט אונז אָנגעזאָגט דער הייליגער רבי פון לובלין, וואָס ס'איז איהם נישט אַוועקגעגאַנגען אַ האַלבע נאַכט מיט שלאָף און ער האָט זיך נוהג געווען צו שלאָפען צוויי דריי שעה ביי טאָג. אויך ביי נאַכט פאַר זמן תפלה האָט ער זיך געלייגט שלאָפען אויף אַ שעה און אַלץ כדי זיין מוח זאָל זיין ריין צום דאַווענען. און אַזוי האָט ער אָנגעזאָגט זיינע תלמידים".

דער תפארת שלמה פרשת תבא שרייבט וואָס ס'איז געהערט געוואָרען פון רבין פון לובלין, אַז די גאַנצע זעכצעהן יאָהר וואָס דער הייליגער בערדיטשעווער רבי האָט פאַר איהם געלעבט, האָט ער פאַר איהם טאָג טעגליך מיוחד געווען אַ שעה צו דאַנקען דעם אייבערשטען וואָס ער האָט אַראָב געשיקט אויף די וועלט אַזוי אַ גרויסע הייליגע נשמה פון הייליגען רבין.

דאָס איז בעוויסט אַז זיין זאָגען דברי תורה ביי דעם טיש, איז געווען לויט ווי מ'האָט אויף איהם משפיע געווען מן השמים, לויט די הייליגע צייט, און לויט די הייליגע וועלט, און לויט זיין הייליגע מדרגה אין די צייט, דאַדורך ווען ער האָט אין מיטען וואָך אויפ=

געשריבען

געשריבען זיינע תורות, האט ער נישט געקאנט אויפשרייבען פונקט ווי ער האט זיי געזאגט שבת, ווען די מדרגות זענען אין די וואכענס אנדערש ווי אין שבת. אזוי ווי ער שרייבט אליין אין זיין ספר זכרון זאת סוף פרשת ויחי אויפ'ן פסוק ועיני ישראל כבדו מזוקן (יעקב'ס אויגען זענען טונקעל געווארען פון די עלטער), און דאס איז זיין הייליג לשון: „פון צופיעל הייליגע שפע איז עס פערגעסען געווארען, און ס'איז געוועזען אונמעגליך אליין צו געדענקען".

אגרויסער גאון האט אמאל געפרעגט דעם רבין פון לובלין: „פאר וואס פאהרען צו אייך אזוי פיעל מענשען, וואס לערנען זיי דען פון אייך, איז דען נישט גלייכער אז זיי זאלען בעסער פאהרען צו מיר, דאכט זיך אז איך בין מעהר גאון פאר אייך, און קאן זיי זאגען שענערע פלפולים און חדושי תורה פאר אייך". האט איהם דער רבי זעהר קאלטבלוטיג געענטפערט מיט דעם הייליגען לשון: „איך וואונדער מיך אליין אויך צו וואס זיי קומען צו מיר. איך ווייס אליין מיין קליינעם ערך, ווער בין איך אין וואס בין איך וואס אזוי פיעל מענשען קומען צו מיר פאדערן געטהייט, און פאר וואס זיי קומען נישט צו אייך גרויסער גאון. אפשר קומען זיי צו מיר וויל איך ווייס ווי נידעריג איך בין, און קומען נישט צו אייך וויל איהר וואונדערט אייך פאר וואס זיי קומען נישט צו אייך".

דער הייליגער פרשיסחער רבי זכותו יגן עלינו האט ערצעהלט פאר'ן רבין פון לובלין, אז דער לובלינער רב הגאון רבי עזריאל הורוויץ זכרונו לברכה וואס איז געוועזען בעוואוסט אויף די וועלט מיט'ן נאמען דער אייזענער קאפ, האט שטענדיג געפייניגט דעם רבין פון לובלין מיט פערשידענע שאלות, און די הויפט שאלה איז געוועזען, ווען ער ווייסט ביי זיך אז ער איז נישט קיין רבי, פאר וואס איז ער זיי מדריך אז זיי זאלען געהן אין זיינע וועגען. האט זיך דער רבי פאר איהם פערטיידיגט מיט זיין תמימות אז וואס קאן ער טהון ווען זיי טרעטען איהם נישט אב. האט איהם דער גאון געגעבען א עצה אז שבת זאל ער זאגען דעם עולם אז ער איז קיין רבי נישט וועלען זיי איהם שוין אבלאזען. און ער האט איהם דאס צוגעזאגט צו טהון. שבת האט ער זיך אנגעהויבען אזוי מכניע צו זיין אזוי זיך מאכען א פחות שבפחותים, אז זיי אלע האבען בעקומען גרויס עניוות און האבען זיך אין איהם מעהר בעהעפט. נאכדעם האט ער ערצהלט דעם גאון אז ער האט זיך שבת פאר זיי אזוי נידעריג געמאכט און דאס האט גארנישט געהאלפען האט דער גאון געזאגט וויל דער דרך פון חסידים איז צו ליעבען דעם עניו און צו פערוויטערן זיך פון גאות, דאדורך האט ער איהם געהייסען אז ער זאל זיך אנהייבען צו בערוהמען פאר זיי אז ער איז אגרויסער צדיק א איש אלקים, וועלען זיי זיך פון איהם דערוויטערן. האט איהם דער רבי אויף דעם געענטפערט: „חאטש איך

בין

בין נישט קיין רבי בין איך קיין שקרן אויך נישט, און איך קאן אויף מיר אליין נישט זאגען אז איך בין א צדיק׳.

ער פלעגט זאגען אז אפילו גאט ברוך הוא אליין זאל איהם זאגען אז ער איז א צדיק. און דאס איז דאך זיכער אמת, נאר ער איז נישט זיכער אז אין איין רגע דערנאך איז ער נאך וויטער א צדיק׳ וויל טאמער האט ער געזינדיגט מיט א מחשבה חס ושלום.

## אין דעם סידור לב שמח שטעהט געשריבען.

„איך האב געהערט פון הייליגען צדיק רבי שמעון יעראסלאווערס מויל, אז דער הייליגער רבי פון לובלין האט איהם געזאגט מיט דעם לשון: „ווען די ווילסט לאנג לעבען זאלסט די דיך מכניע זיין פאר יעדען צדיק״.

דער הייליגער רבי פון לובלין האט געגעבען א טעם אויף דעם איזישען מנהג וואס מ׳גיעט דעם צדיק געלד אלס פדיון ער זאל מתפלל זיין. וויל דאס וואס דער צדיק שטעלט זיך מתפלל זיין פאר יענעם איז לכאורה א עזות חלילה. וויל דער אין הימעל קאן זאגען פאר וואס דאך איז יענער אליין נישט מתפלל פאר זיך, און דאס איז מעהר נישט נאר אזוי א מין גאות, וואס דער צדיק רעדט זיך איין אז ער איז מעהר ערליבער יוד פאר יענעם און זיין תפלה האט אין הימעל מעהר חשיבות. דאדורך איז די גלייכסטע עצה צו נעמען געלד פאר די תפלה. מיט דעם קאן דער צדיק שטיל מאכען דעם מקטרג אז דאדורך איז ער מתפלל פאר יענעם וויל ער האט איהם אויף דעם געדינגען און ער בעלוינט איהם פאר דעם. און דער הייליגער שינאווער רבי זכרונו לברכה האט אויף דעם געפונען א רמז אין פסוק ויתן לו מזהב שבא ויתפלל בעדו. (ער האט איהם געגעבען פון גאלד וואס קומט פון די מדינה שבא און ער האט פאר איהם מתפלל געוועזען).

## שטעהט אין ספר תפלה למשה (פרשת לך).

„אזוי ווי איך האב געהערט פון מיין רבין פון דער געטליכער מאן פון לובלין נשמתו בגנזי מרומים, ווי ער האט איינעם גערוהמט אין זיין געגענווארט, און דער מענש העדענדיג זיין לויב איז פערשעמט געווארען. האט ער צו איהם געזאגט אז ער האט נאך נישט קיין גלייכ= קייט. האב איך אין דעם פערשטאנען, אז דאס ענין גלייכקייט וואס דער חובת הלבבות ברענגט פאר א חסיד, איז נישט דער מיינונג אז עם ארט איהם הערענדיג זיין לויב גלייך ער וואלט געהערט זיין בזיון

נאָר דער מײנונג איז אַז ער זאָל בײַ זיך זײַן אַזוי נידעריג אַז ס'זאָל אויף איהם נישט ווירקען נישט ווען מ'לויבט איהם נישט ווען מ'שענדט איהם גלײַך מען רעדט וואָס צו אַ שטיק האָלץ".

אויך האָט דער רבי פֿון לובלין געזאָגט, אַז דער צדיק ברויכט זיך נישט ליעב האָבען, און דער בעל תשובה ברויכט זיך פֿײַנד האָבען.

דער פּרשיסחער רבי זכותו יגן עלינו האָט דעם רבין פֿון לובלין געפֿרעגט אַ טעם אויף דעם וואָס ער פֿלעגט אָפֿט זאָגען, אַז ער ליעבט מעהר דעם רשע וואָס ער ווייסט בײַ זיך אַז ער איז אַ רשע, פֿאַר דעם צדיק וואָס ער ווייסט בײַ זיך אַז ער איז אַ צדיק. האָט ער איהם געענטפֿערט, אַז דער רשע וואָס ער ווייסט בײַ זיך אַז ער איז אַ רשע, איז ער דבוק אין אמת, און דער בורא יתברך איז אמת און ער הייסט אמת. אָבער דער צדיק וואָס ער ווייסט בײַ זיך אַז ער איז אַ צדיק, און דאָס איז דאָך באמת נישט אַזוי, ווײַל אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (ס'איז נישט דאָ אַ צדיק וואָס זאָל טהון גוטס און נישט זינדיגען), און אַ כל שכן דער וואָס ער פֿיהלט זיך פֿאַר אַ צדיק איז אַ ודאי קיין צדיק נישט, אַזוי ווי דער הייליגער זוהר זאָגט מאַן דאיהו רב איהו זעיר, (דער וואָס איז בײַ זיך גרויס דער איז קליין) איז דאָך דער צדיק דבוק צום שקר, און שקר האָט דער אייבערשטער פֿײַנד, דאַדורך האָט ער איהם אויך נישט ליעב. אַזוי ווי עס שטעהט אין ספר פרי חיים פֿון דעם הייליגען גאון רבי אברהם חיים פֿון זלאטשוב מיט דעם לשון: „איך האָב געהערט פֿאַר דעם הייליגען בעל שם זכותו יגן עלינו, אַז ער האָט מקרב געווען אפילו די בעלי עבירה וואָס האָבען זיך נישט גרויס געהאַלטען, און האָט מרחק געווען די בעלי תורה וואָס האַלטען זיך גרויס, און ער האָט אויף דעם געגעבען אַ טעם, אַז דער בעל עבירה וואָס ער ווייסט אַז ער איז אַ בעל עבירה און דורך דעם איז ער בײַ זיך נידעריג, איז דער אייבערשטער מיט איהם און איז שוכן אתם בתוך טומאותם (ער רוהט צווישען זיי אין זייער טומאה רחמנא ליצלן), אָבער דער וואָס איז נישט קיין בעל עבירה און ער האַלט זיך גרויס. איז דער אייבערשטער נישט מיט איהם, אַזוי ווי די גמרא הקדושה זאָגט, אַז דער בורא יתברך זאָגט אויף אַ בעל גאוה: „איך קאָן מיט איהם צו־זאַמען נישט וואוינען אויף איין וועלט".

דער רבי פֿון לובלין פֿלעגט זאָגען אַז אַ חסיד איז נאָר דער וואָס איז אין די בחינה פֿון אַ קינד, אַזוי ווי אַ קינד לאַכט און ווײַנט אין איין צײַט, אַזוי אויך דער חסיד ברויכט ווײַנען ווען ער געדענקט זײַנע חטאים וואָס ער האָט פּוגם געווען אין די שמות הקדושים, און זיך דאַמאָלס צו פֿרייען ווען ער דערמאַנט און געדענקט זײַן הערר אַז ער איז בעשאַפֿען געוואָרען איהם צו דינען און טהון זײַנע מצות

וואס

וואָס שטעהן אִין זַיין הייליגע תורה. ווייל איינס פון די מדות אַלייִן אִיז שלעכט, דאָס עצבות אַלייִן אִיז זעהר שווער ווייל מ'קאָן חלילה אַריינ־פאַלען אין יאוש אַריין, און שמחה אַלייִן אִיז אויך שווער, ווייל ער קאָן חס ושלום בלייבען אָהן יראה, נאָר דורך ביידע צוזאַמען קאָן מען קומען צו יראה און אויך צו אהבה.

## אין דעם הייליגען ספר זכרון דברים (דף ו׳ ע״ב) שטעהט מיט דעם לשון.

„איך האָב געהערט פון מיין הייליגען רבין פון לובלין, אַז יעדער מענש ברויך זיין נזהר אַז ער זאָל חס ושלום נישט זיין ווי ירבעם בן נבט וואָס האָט געזינדיגט און געמאַכט זינדיגען. ווייל דער מענטש עסט מאכלים וואָס אין זיי געפונט זיך פיעל גלגולים פון אידישע נשמות, און פון דעם כח וואָס ער האָט פון די מאכלים געהט ער און דער־צערנט דעם אייבערשטען מיט עבירות, קומט אויס אַז ער פערזינדיגט אויך די נשמות וואָס זענען מגולגל געוואָרען אויף די מאכלים מ'זאָל זיי מתקן זיין, פונקט ווי ירבעם בן נבט וואָס איז געווען אַ חוטא ומחטיא את הרבים. און די עצה איז אַז פאַר'ן עסען זאָל ער מפשפש זיין אין זיינע מעשים און עסען מיט געדאַנקען פון אַ ריינע תשובה מיט דעם ווערען אויך די נשמות ריין און קומען דורך איהם אין גן עדן העליון אַריין, און ווען ער ווערט נסתלק פון די וועלט געהן די נשמות איהם אַקעגען מיט אַ גייסטיגען פאַראַד און ווייזען איהם דאָרט ווי דאַנקבאַר זיי זענען איהם פאַר דעם וואָס ער האָט זיי מתקן געווען".

אין דעם ספר „סור מרע" פון הייליגען רבי הערשעלע זדיטשאָווער זכותו יגן עלינו שטעהט געשריבען: „איך האָב געהערט פון מיין רבין פון לובלין, אַז דער עיקר קדושה פון זווג איז פריהער פאַר'ן זווג, וואָס דאַמאָלס ברויך מען מדבק צו זיין די מחשבות צום אייבערשטען אַזוי ווי עס שטעהט אין די הייליגע ספרים, אָבער דער זווג אַליין קאָן נישט זיין מ'זאָל קיין הנאה נישט האָבען".

## אין דעם ספר תפלה למשה (פרשת פקודי) שטעהט געשריבען.

„איך האָב געהערט פון רבין פון לובלין, אַז ער האָט זיך אַמאָל ביי די שבת'דיגע סעודה נאָך די מוציא זעהר נידעריג גע־מאַכט אַז ער איז קיין צדיק נישט. און איך האָב דאַמאָלס געזאָגט

אין די שטיל צו די וואס זענען געבען מיר געזיצען, אז איך קאן שווערען אז דער רבי איז יא א צדיק. און מיינע ווערטער זענען צו איהם אנגעקומען. און ער האט געזאגט מיט זיין תמימות: „איך וויים אז הונדערטער מענשען שווערען פאר מיר אז איך בין א צדיק, נאר אויף דעם עולם העליון וועט מען קיינעם נישט פרעגען נאר מיך אליין און איך וועל דארט שוין זיין געצוואונגען צו זאגען דעם אמת״, נאכדעם האט ער זיך אויסגעבויגען צו מיר און געזאגט: „ר׳ משה, הונדערטער מענשען וואלטען פאר מיר געשווארען אז איך בין גוט, נאר אויף דעם עולם העליון וועט מען נאר מיך אליין פרעגען״. און איך האב מיך דאמאלס אויפגעשטעלט אויף מיינע פוס און ענערגיש געזאגט: „רבי רבי, דער עולם העליון איז א אמת׳ע וועלט, דאדורך וועט דארט דער רבי מוזען זאגען דעם אמת אז דער רבי איז א צדיק״. אויף דעם האט ער געוויזען זיין גרוים ענוות מיט זיין ענטפער: „רבי משה, איך בין נישט זוכער. נאר ווען מיין משפט וועט קומען פאר׳ן אייבערשטען אליין, וועט ער זיך אויף מיר ערבארמען וויל ער איז א רחום וחנון, נאר ווען מיין משפט וועט קומען פאר׳ן בית דין של מעלה, האב איך מורא, ווייל דארט וויסט מען פון קיין ותרנות נישט״.

---

## אין דעם ספר משמרת איתמר פרשת תשא שטעהט.

אזוי האב איך געהערט פון רבין פון לובלינם היילינע מויל, ווי ער זאגט מיט גרוים ענוות און זעהר א צובראכען הערץ: „וועה צו דעם דור, אז איך בין זיין מנהיג״.

## אין ספר תפלה למשה פרשת נצבים שטעהט.

„אזוי ווי איך האב געהערט פון מיין רבין דעם היילינען גע־טליבען מאן פון לובלין, אז דער מענש פערגעסט איין חלק פון די טויזענד און אכציג חלקים וואס איז אין א שעה נישט צו זיין דבוק אין בורא יתברך, איז שוין גענוג אז ער בלייבט ווי א גוף אהן א נשמה און ער הייסט א מת רחמנא ליצלן. און אויך ווען ער פער־געסט קיינמאל נישט צו זיין דבוק אין אייבערשטען, וואס פאר א בעטרעף האט ער, און ער קאן מיט דעם נישט מעהר שטאלצירען ווי דער ווארם וואס איז אויך א בריאה און טהוט דעם רצון פון איהר בעשעפער״.

---

## נאך שרייבט ער דארט אין פרשת ואתחנן.

„אזוי ווי איך האב געהערט פון מיין היילינען געטליבען רבין פון לובלין נשמתו בגנזי מרומים, אז דער שומר פון רבי נמליאל׳ם טהיר איז געווען א מלאך, ווייל פון יעדען דבור וואס געהט ארוים פון

צדיק׳ם

צדיק'ס מויל ווערט פון דעם אַ מלאך, (לויט סוד פון פסוק ותגזר אומר ויקם לך), און אַזוי ווי רבי גמליאל האָט געזאָגט אַז יעדער וואָס איז נישט אינוועגדיג ווי אויסוועגדיג זאָל נישט אַרײַנגעהן אין בית המדרש, איז פון דעם דבוד געוואָרען אַ מלאך און ער האָט אָבגעהיטען די טהור אַז דער וואָס איז נישט תוכו כברו זאָל נישט אַרײַנגעהן, ווײַל דאָס קאָן דאָך קײַנער נישט ווײַסען נאָר אַ מלאך".

---

## אין ספר זרע קודש פרשת וישלח שטעהט געשריבען.

„אַזוי ווי איך האָב געהערט פון מײַן רבין פון לובלין, אַז ווען ער איז מתפלל אויף אײַנעם אַז דער אין הימעל זאָל איהם משפיע זײַן עשירות, געפונט זיך אין די השפעה אויך יראת שמים. ווײַל אין די השפעה פון אײבערשטען געפונט זיך כל טוב אפילו יראת שמים".

דער הײליגער צדיק פון צאַנז פלעגט נאָך זאָגען פאַר דעם רבין פון לובלין אַז ער האָט געזאָגט: „איך האָב זעהר גיט ליעב אַ שוטה. אפילו אַז איך וועל שוין זײַן בעולם העליון און וועל זעהן ווי מ'פיהרט אַ נאַר, און עס געהט איהם נאָך דרײַצעהן ברוקעס מיט עולם הבא, וועל איך נאָכלויפען אין אַלע גאַסען און וועל שרײַען, נאַר בלײַבט נאַר, איך בין דעם נאַר נישט מקנא. נאַר בלײַבט נאַר, איך בין דיך גאָרנישט מקנא".

---

## עס שטעהט אין ספר מאור ושמש פרשת דברים.

„און מײַן הײליגער רבי פון לובלין האָט געזאָגט, אַז ווען דער מענש טהוט קײן תשובה נישט אײדער ער זעצט זיך לערנען, זאָגט אויף איהם דער פסוק ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי. (נאָט זאָגט צום רשע ווי קומסט די ערצעהלען מײַנע געזעצען). אָבער ווען ער איז מהרהר בתשובה פאַר'ן לערנען, הײסט ער אַ צדיק, אַזוי ווי די הײליגע גמרא זאָגט אין קידושין. אַז אײנער איז מקדש אַ ווײַב אונטער דער בעדינגונג אַז ער איז אַ צדיק, חאָטש ער איז אַ רשע גמור, ווערט זי צו איהם מקודש, ווײַל טאָמער האָט ער דאַמאָלס מהרהר בתשובה געווען".

אײנמאָל איז צום הײליגען רבין פון לובלין זכותו יגן עלינו געקומען אַ משומדגער צו פאָהרען און פערלאַנגט אַ רפואה, האָט ער איהם געהײסען לערנען די משנה אין פרק אבות, עקביא בן מהללאל זאָגט, זאָלסט אַרײַנקוקען אין די דרײַ זאַכען וועסט די נישט קומען צו קײן עבירה כו'. דאַמאָלס איז דאָרט געווען דער הײליגער צדיק רבי דוד'ל לעלאָווער זכרונו לברכה און האָט איהם געפרעגט ווי קומט די משנה צו דעם קראַנקען. האָט ער איהם געענטפערט, אַז אַלע נאַטירליכע

רפואות

רפואות זענען אָדער צו דערוואַרעמען דעם גוף אָדער איהם קעלטער צו מאַכען לויט די קראַנקהייט רחמנא ליצלן, און ווייל דער מענטש רופט זיך עולם קטן (אַ קליינע וועלט) און האָט אין זיך אַלע זרעים און גרעזער. פאַר וואָס זאָל ער נישט ווערען פון זיך אַליין געהיילט אויסצומישען אין זיך די אַלע קרעפטען פון די גרעזער דאָס זאָל ווערען די ריכטיגע מעדיצין צו זיין קראַנקהייט. נאָר ווייל זיין שטאָלץ לאָזט איהם נישט ער זאָל זיך אַזוי ערניעדערן צו געפונען אין זיך אַזוי אַ ביליגע זאַך וואָס מען געפונט אין די ערד וואָס אַלע טרעטען אויף איהר, און דורך די משנה וועט ער קומען צו ענווות און ער וועט געפונען זיין רפואה אין זיך אַליין, און אַזוי איז באמת געווען, אַז נאָך דעם לערנען די משנה איז דער משוגענער פעליג געזונד געוואָרען.

עס איז צו איהם אַמאָל געקומען אַ חסיד און האָט זיך מתנצל געווען אַז ער איז צופיעל כעסן, האָט ער איהם געענטפערט: „איהר זאָלט רייבערן אַ פּאַקע צובעך. וואָרען דאָס רייבערן איז מסוגל צו פאַר־טרייבען דעם כעס”.

ער האָט געזאָגט אַז ווען איינער טרינקט צום צווייטען און זאָגט לחיים, זאָל ער נישט ענטפערן לחיים טובים אַליין ווייל די צוויי ווערטער בעטרעפען הונדערט און פונפאונזעכציג וויפיעל קלל"ה רחמנא ליצלן בעטרעפט, נאָר ער זאָל ענטפערן לחיים טובים ולשלום.

איינמאָל האָט דער רבי פון לובלין גערעדט נפלאות פון אר"י הקדוש און זיין הייליגער תלמיד רבי חיים וויטאַל זכותם יגן עלינו, און פון בעל שם טוב מיט זיין תלמיד דער הייליגער מגיד פון מעזריטש, און האָט געזאָגט מיט דעם לשון: „צווישען די ביידע רביים קאָן איך נישט מכריע זיין און איך וויל נישט מכריע זיין, נאָר צווישען די ביידע תלמידים קאָן איך יאָ מכריע זיין נאָר איך וויל נישט מכריע זיין”.

איינמאָל ראש השנה ביי נאַכט האָט ער גענעסען גרייפּלעך, און האָט געפרעגט זיינע תלמידים זיי זאָלען איהם זאָגען פאַר וואָס עס עסט דאָס מאכל ראש השנה ביי נאַכט, האָט זיך דער הייליגער צדיק ר' שמחה בונם אָנגערופען אַז דער רבי איז ממתיק דיני קשיא (דינע קאַשע. און דיני קשיא הייסט שווערע משפטים), האָט ער געזאָגט אַז ער האָט געטראָפען זיין כונה.

דער רבי פון לובלין פלעגט אין מיטען דאַווענען שמעקען טאַבאַק האָט איהם דער חריף ר' משה ר' זלמנ'ס געפרעגט אַז לויט דין טאָר מען דאָך נישט מפסיק זיין, האָט ער איהם געענטפערט מיט אַ משל צו אַ גרויסען מלך וואָס איז געגאַנגען אויפ'ן גאַס און האָט געזעהן איינער פון די אַלטע אָרעמע לייט זינגט און שפּיעלט אויפ'ן פידעל, און ער האָט איהם אַזוי שטאַרק געפאַלען אַז ער האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין קייזערליכען הויף, און איז געוואָרען ביי איהם זינגער. טאָג טעגליך איז ער אַריינגעגאַנגען צום מלך און האָט פאַר איהם געשפּיעלט און

געזונגען

געזונגען, נאָר יעדעס מאָל איז איהם אין מיטען שפּיעלען געפּלאַצט אַ סטראָנע פון זיין פידעל און דער מלך האָט געמוזט וואַרטען ביז ער האָט פערליינט אַ פרישע סטראָנע. איינער פון מלך'ס לייבמענשען האָט דעם אַלטען געפרעגט פאַר וואָס ער זעהט נישט צוזברענגען די פידעל אין אָרדנונג איידער ער שטעלט זיך שפּיעלען פאַר'ן מלך, נישט יעדעס מאָל בלייבט ער שטעהן אין מיטען שפּיעלען און בערויבט דעם מלך'ס צייט. אויף דעם האָט איהם דער אַלטער זעהר ערליך געענטפערט: „דער מלך האָט דאָך גאַנץ געניג זינגערס און שפּילערס חוץ מיר און זיי קאָנען איהם דאָך אויך צופריעדען שטעלען מיט זייער טאַלאַנט, נאָר ווען דער מלך וויל דוקא הערען מיין שפּילען און זינגען און האָט פון מיר מעהר הנאה ווי פון זיי, וויל ער דאָך זיכער פערטראָגען מיינע אַלע געשעהענישען ביי'ם שפּיעלען. ווען דער בורא ית' האָט ביי זיך מיליאָנען מלאכים און ער לאָזט זיי אַ דורך און נעמט אונז שטערבליכע מענשען, פערטראָגט ער דאָך אַודאי אונזערע קערפּערליכע געשעהענישען".

דער הייליגער מחבר פון ספר ישמח משה איז אַמאָל געווען ביי דעם הייליגען רבין פון לובלין ווען ער איז געווען אין אַ אַנדערע שטאָדט, און דער ישמח משה איז זיך נעגאַנגען טובל זיין אין מקוה אַריין, ווי ער איז אַהין געקומען איז די מקוה שוין געווען אויסגע-טריקענט, איז ער אַוועקגעגאַנגען צום טייך און האָט זיך דאָרט טובל געווען, און איז גלייך געגאַנגען צום רבין שלום געמען. דער רבי זעהענדיג ווי ס'רינט נאָך איהם אַראָב טראָפּען וואַסער פון די האָר האָט ער איהם געפרעגט ווי אַזוי ער האָט זיך געקאָנט טובל זיין אין אַ אויסגעטריקענטע מקוה. האָט ער איהם געזאָגט אַז ער האָט זיך טובל געווען אין טייך. האָט איהם דער רבי געזאָגט אַז מען קומט אַריין אין אַ שטאָדט וואָס ס'איז דאָרט נישט דאָ קיין מקוה און קיין טייך, איז מען זיך טובל אין נהר-דינור (אין דעם טייך פון פייער וואָס ס'איז דאָ אויף יענער וועלט). דער ישמח משה הערענדיג דאָס האָט ער מורא געקריגען. האָט איהם דער רבי איינגערוימט אין אויער „אין אַ פייערדיגען טייך פון דבקות הבורא יתברך". מיט דעם איז דער ישמח משה בערוהיגט געוואָרען.

עס שטעהט אין ספר אגרא דפרקא (אות א'), אַז דער רבי פון לובלין האָט געזאָגט אויף די גמרא, אַז עס איז געהערט געוואָרען אַ בת קול און האָט געזאָגט: שובו בנים שובבים, טהוט זינדיגע תשובה), חוץ מאחר (אויסער דער אפיקורוס אלישע בן אבויה) אַז ווען דער אפיקורוס זאָל זיך דאַמאָלס פעסט אַנידערשטעלען און זאָגען: „ווען עס איז יאָ אַזוי, איז טאַקי איצט די בעסטע צייט גאָט ב"ה צו דינען ווייל ס'איז נישט דאָ קיין שכר פאַר די הייליגע עבודה וועט די עבודה באמת טהון אַ נחת רוח דעם אייבערשטען". ווען ער וואָלט

צו דעם שכל געהאט, און וואלט דאמאלס אזוי געטהון, אויסער דעם וואס מ'וואלט איהם מוחל געווען זיינע עונות. וואלט ער צוריק געקומען צו זעהר אגרויסע מדרגה.

## אין דעם הייליגען ספר מגיד תעלומה (דף ע״ח ע״ב).

„דער הייליגער רבי זכותו יגן עלינו פון לובלין האט געזאגט אויף דעם פסוק כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה (אלץ וואס דיין האנד קאן טהון זאלסט די מיט דיין כח טהון), אז די כונה איז מיט דעם כח פון תפלה. און דאס זאגט דער הייליגער מדרש אויפ'ן פסוק אל תיראי תולעת יעקב (זאלסט ווערמעל יעקב נישט שרעקען), אזוי ווי דאס ווערמל האט נישט כח נאר אין מויל, אזוי האבען די אידען זייער גאנצען כח נאר אין תפלה״.

אויך האט דער רבי פון לובלין געזאגט, אז דאס וואס די גמרא זאגט הבא לטהר מסייעין אותו, (דער וואס קומט זיך אבריינינגען העלפט מען איהם צו). הבא לטמא פותחין לו, (דער וואס קומט זיך פעראונרייניגען עפענט מען איהם אונרייניגע וועגען), איז דער מיינונג, וויל דער וואס קומט זיך ריינינגען הייבט אן צו געהן מיט דעם אמת, און די גמרא זאגט אז דער אמת האט פוס, דאדורך העלפט מען איהם מיט'ן אמת אליין, וואס ער קומט צו איהם אויף זיינע פוס און העלפט איהם ווערען א אמת'ער איד. אבער אויפ'ן שקר זאגט די גמרא אז ער האט קיין פוס נישט, דאדורך העלפט מען איהם נישט פעראונ-רייניגען דורך דעם שקר נאר מען עפענט איהם פאר איהם אז אויב ער וויל קאן ער דארט צו יעדע צייט אריינגעהן.

דער הייליגער ווארקער רבי ר' יצחק זכותו יגן עלינו האט ער-צעהלט דעם נביא ר' מאטעל קאלישער ז״ל, אז ער איז אמאל אין זיין יוגענד געקומען צום רבין פון לובלין און ער איז דאמאלס געווען א שטיקעל עשיר, האט איהם דער רבי פון לובלין געזאגט: „ווען ס'וועט זיך דיר טרעפען א גוט מלמדות שאדט נישט אז די זאלסט עס אנ-נעמען״. הערענדיג דאס פון זיין הייליג מויל האט ער גערעכענט אז ער האט זיכער א טעות, און ער איז מיט דעם רעיון אוועקגעגאנגען אין רבינס בית המדרש אריין. נאכדעם איז אנגעקומען צום רבין איינער פון דארף וואס איז נעבען די שטאדט טארנאגראד, און האט פאר איהם יאמערליך געוויינט, אז ער האט קינדער וואס זענען גראב און וויסען נישט וואס לערנען איז און ער זיצט אין א דארף וואס עס געפונט זיך נישט איינער וואס זאל קאנען מיט זיי לערנען, און עס איז איהם ליעבער צו בלייבען ביי איין העמד און זיינע קינדער זאלען זיין בני תורה הערענדיג זיין היים רייד'ן האט איהם דער רבי געזאגט

אז אויב איהם איז ליעב צו געבען פירציג דוקאטען א זמן קאן ער נעמען אלם מלמד דעם יונגענמאן וואס איז איצט פון דארט ארויסגעגאנגען און ער וועט פון זיין לערנען העכסט צופריעדען זיין. דער דארפסמאן איז אויף דעם בעשטאנען און מיט'ן רבינ'ס בעפעהל איז ער איהם נעגאנגען אויפזוכען, און האט איהם געפונען. ער האט איהם געזאגט אז ער גיעט איהם די סומע וואס דער רבי האט איהם געהייסען געבען אבי ער זאל זיינע קינדער מאכען פאר אוים עמי הארצים דער ווארקער רבי האט זיך אצונד איינגערעדט אז דער רבי פון לובלין האט שוין נישט קיין טעות, און ער איז מיט איהם ארויסגעפאהרען אין דעם דארף ארײן לערנען מיט זיינע קינדער. ער האט דאס אהיים געשריבען צו זיין ווייב, און האט פון איהר ערהאלטען א ענטפער אז ער האט זעהר גוט געטהון, ווייל די פראנצויזען וואס האבען דאמאלס מלחמה געהאלטען מיט די רוסען, זענען א דורכגעגאנגען דאס שטעדטעל זאריק און האבען זיין גאנץ הויז אזוי ראבירט אז זיי האבען אפילו דאס שטרוי פון די בעטען נישט איבערגעלאזט. דאס אליין האט איהם שוין געוויזען אז דער רבי פון לובלין בעזיצט רוח הקודש. ער האט אין דעם דארף אנגעהויבען לערנען מיט די קינדער חומש, נאר זיי זענען אזוי גראב געווען אז זיי האבען פון איהם נישט געקענט מקבל זיין אפילו איין ווארט. ער איז געפאהרען נאך לובלין און האט דאס ערצעהלט דעם רבין אז ער נעמט פון דעם דארפסמאן בחנם געלד, און זיינע קינדער קאנען נישט פערשטעהן זיין לערנען. ער האט איהם געהייסען פאר זיי מתפלל זיין. און ער האט דאס איהם געפאלגט, און זיין תפלה האט דאמאלס זעהר נושא פרי געווען, און די זעלבע קינדער האבען נאר געקריגען אנדערע חושים צו זיין לערנען, און האבען איהם בעניי נישט געלאזט עסען פון גרוים התמדה. און ער האט פון דעם מקבל נחת געווען. ווי ס'האט זיך געענדיגט דער זמן האט דער דארפסמאן איהם געוואלט דינגען אויף נאך א זמן, נאר ער האט איהם געענטפערט אז ער מוז פאהרען נאך לובלין פרעגען אויף דעם רבין און ער איז טאקי געפאהרען נאך לובלין פרעגען, און דער רבי האט איהם געענטפערט אז ער ברויכט שוין נישט מעהר זיין א מלמד. אויך האט איהם דער רבי געפרעגט וואס פאר א תורה ער האט דארט געהערט, האט ער איהם נישט געוויסט וואס צו ענטפערן. דער רבי זאגט ווייטער צו איהם: „ווי איז דאס מעגליך צו זיין דארט א האלב יאהר און קיין תורה נישט צו הערען". האט ער זיך דערמאנט אז א דארפס איד האט דארט געטייטשט דעם פסוק וירא מנוחה כי טוב, ער האט פערשטאנען אז צו האבען מנוחה איז גוט, ויט שכמו לסבול, האט ער זיך צוגעוואוינט צו זיין א סבלן ווייל דער סבלן האט שטענדיג מנוחה ווייל עס ארט איהם נישט דעם צווייטענס כעס. ווי דער רבי האט די תורה געהערט, האט ער געזאגט: „ווען אזוי האסט די דאך דארט זעהר פיעל געהערט, און מיט די תורה ביז איך טאקי עוסק

צו

צו קומען צו נדלות, און דעם שכר מלמדות האָב איך געגעבען אַ אַנדערן. און אַזוי איז געווען אַז ער איז רײַך געוואָרען און האָט נישט געברויכט זײַן אַ מלמד.

אין ספר אך פרי תבואה פון לובלינער צדיק (פרשת ויקרא) ווערט געברענגט אַ טײַערער פירוש פון רבין פון לובלין אויף דעם מאמר פון די גמרא (ב"מ פ"ז) אברהם אבינו עליו השלום האָט געזאָגט מ'זאָל פאַר די מלאכים קנעטען מעהל און שרה האָט געקנעטען פאַר זיי פון פײַנסטען מעהל, פון דאַנען זעהן מיר אַז אַ פרוי האָט אַ קאַרג אויג אויף אורחים. ווײַל דער הייליגער רמב"ם שרײַבט אַז אין אַלע מדות ברויך דער מענש געהן אין מיטעל וועג און נישט אָנקומען אין איינם פון ביידע עקען נישט צו זײַן אַ גרויסער פזרן אויך נישט צו זײַן אַ קאַרגער, נאָר מיטעל. אָבער דער מענש וואָס ער איז בטבע איינם פון ביידע עקען, ברויכט זיך נאָר אַנדערש פיהרען, דהיינו דער וואָס איז אַ קאַרגער ברויך גלײַך ווערען אַ גרויסער פזרן ווײַל ער וועט שוין לאַנגזאַם ווערען קאַרגער ביז ער וועט בלײַבען שטעהן בײַ דעם מיטעל פונקט. און דער וואָס ער איז בטבע אַ פזרן ברויכט מיט אַמאָל ווערען אַ קמצן, כדי ער זאָל לאַנגזאַם קומען צום מיטעל פונקט. אברהם אבינו עליו השלום האָט בײַ זיך געוואוסט זײַן מדה פון הכנסת אורחים, דאַדורך האָט ער געוואוסט צו געהן אין מיטעל וועג און ער האָט געהייסען דערלאַנגען געוועהנליך מעהל, אָבער שרה ווײַל אַ פרוי האָט אַ קאַרג אויג אויף אורחים דאַדורך האָט זי געמוזט זײַן אַ פזרנית און געגעבען פון בעסטען מעהל כדי זי זאָל קומען צום מיטעל פונקט, אַזוי ווי דער רמב"ם לערנט צו טהון.

אין ספר נפלאות חדשות ווערט געברענגט אַ פירוש אויף דעם פסוק כי עמך הסליחה למען תורא (מיט דיר גאָט איז דאָס פערגעבונג כדי מ'זאָל פאַר דיר מורא האָבען) פון לובלינער צדיק, אַז ווען מ'וואָלט דעם חוטא נישט מוחל געווען זײַנע עונות וואָלט ער זיך געטראַכט אַז סײַ ווי סײַ איז מען מיר נישט מוחל מײַנע זינד מעג איך דאָך ווײַטער זינדיגען אָבער ווען מען איז איהם יאָ מוחל אויף זײַנע זינד דורך תשובה און מעשים טובים האָט ער טאַקי מורא ווײַטער צו זינדיגען און ער קאָן צוריק ווערען אַ אמת'ער ירא שמים, דאַדורך ברויך איהם דער אייבערשטער פערגעבען זײַנע פיהרינגע זינד כדי ער זאָל קאָנען ווערען אַ צדיק, דאָס זאָגט דער פסוק, כי עמך הסליחה, מיט דיר איז דאָס פערגעבונג צו פערגעבען דעם מענשענס זינד, למען תורא, כדי ער זאָל מורא האָבען ווײַטער צו זינדיגען.

אין דעם הייליגען ספר אור לשמים פרשת תבא שטעהט נאָך אַ פירוש פון רבין פון לובלין אויף דעם זעלבען פסוק כי עמך הסליחה למען

למען תורא, אַז דער מענש איז מחויב צו זײַן אַ אמת׳ער ירא שמים, נאָר ווי אַזוי קאָן ער זײַן אַ אמת׳ער ירא שמים, ווען צווישען איהם און צווישען דעם אייבערשטען כביכול שטעהט נאָך די אייזערנע וואַנד פֿון זײַנע עונות, דאַדורך ברויכט דער אייבערשטער איהם פֿריהער מוחל זײַן די עונות, נאָכדעם וועט ער קאָנען זײַן אַ אמת׳ער ירא שמים. דאָס זאָגט דער פסוק כי עמך הסליחה, מיט דיר ברויכט זײַן דאָס פֿער־געבונג, די זאָלסט מוחל זײַן די מענשליכע זינד, למען תורא כדי דער מענש זאָל נאָך קאָנען צוריק זײַן אַ ירא שמים

אין דעם ספר שפתי צדיקים פרשת בראשית, שטעהט פֿון רבין פֿון לובלין, אַ פירוש אויף די ברכה אשר קדשנו במצותיו ורצה בנו, (ער האָט אונז מקדש געווען מיט די מצות און האָט געוואָלט אין אונז) לויט דעם דין וואָס שטעהט אין די משנה, אַז די פֿרוי האָט געזאָגט צום מאַן דאָ האָסט די אַ רענגדעל און איך וועל צו דיר מקודש, ווי באַלד ער איז אַ אדם חשוב ווערט זי צו איהם מקודש, ווײַל זי האָט אַ הנאה וואָס ער האָט פֿון איהר צו גענומען אַ מתנה איז גלײַך ווי ער האָט איהר געגעבען. און ווען מיר טהון די מצות נישט דער אייבער־שטער, מיט וואָס ווערען מיר מקודש צו איהם, נאָר ווײַל ורצה בנו ער איז מרוצה צו צונעמען פֿון אונז די מצות אַלס מתנה, האָבען מיר פֿון דעם אַ הנאה, איז גלײַך ער וואָלט אונז געגעבען, דאַדורך זענען די קדושין גוטע קדושין.

דער רבי פֿון לובלין האָט געזאָגט אַז דעריבער רופֿט מען בעל שמחה ווײַל דער וואָס מאַכט די שמחה איז דער הערשער פֿון שמחה און האָט רשות מיט זײַן ברכה יעדען משפיע צו זײַן פֿרײַליכע ברכות.

אין דעם ספר היכל הברכה פרשת בהעלותך שטעהט פֿון הײַליגען רבין פֿון לובלין וואָס ער האָט געזאָגט פֿאַר זײַן זיידען דער הײַליגער גאון רבי יעקב קאָפּל פֿון לוקאַווא פֿאַר וואָס שטעהט בײַ יהושע׳ן בן נון נישט בן נון מיט אַ סגול. ווײַל די הײַליגע חכמים זאָגען אַז די יו״ד פֿון שרי נאָכדעם ווי מ׳האָט זי גערופֿען שרה מיט אַ ה׳ צום סוף, האָט מען די יו״ד געגעבען הושע׳ן און מ׳האָט איהם אָנגעהויבען צו רופֿען יהושע, איז דאָך אַ פֿראַגע די יו״ד פֿון שרי האָט דאָך אונטער זיך קײַן נקודה נישט און ווען זי איז געקומען צו דעם אָנהײַב נאָמען יהושע בעדאַרפֿט זי דאָך אַ שוא, צוויי פּינטעלעך: און פֿון וואַנען האָט מען די שוא גענומען, איז דער תירוץ אַז פֿון דעם סגול פֿון בן האָט מען אַוועקגענומען צוויי פּינטעלעך און מ׳האָט זיי אונטער געשטעלט פֿאַר אַ שוא אונטער די יו״ד פֿון יהושע, איז געבליבען פֿון בן נאָר בן.

אין ספר דברי חיים פרשת יתרו שטעהט פֿון רבין פֿון לובלין אַ פירוש אויף די גמרא, אַז איינער זאָגט איך גיעב דעם טאָהלער אויף צדקה כדי מײַן זוהן זאָל לעבען איז דער אַ אמת׳ער צדיק, זאָגט רש״י

הקדוש

הקדוש אם רגיל בכך (אויב ער איז מיט דעם געוואוינט). נאר רש״י הקדוש האט דאס געהאלטען שווער, ווייל ווען ער וואלט געגעבען דעם טאהלער אויף צדקה און גארנישט פערלאנגען פאר דעם דאכט זיך אז ער וואלט געווען מעהר צדיק פאר דעם וואס ער פערלאנגט פאר דעם שכר אז זיין זוהן זאל לעבען, נאר דער מיינונג איז אז זיין זוהן זאל לעבען. פאר'ן איבערשטענס וועגען, דאס הייסט ער זאל אויך זיין א צדיק און מקיים זיין זיינע מצות, איז דאך די כונה אז זיין זוהן זאל לעבען אויך לשם שמים, דאדורך איז ער באמת א צדיק גמור.

אין דעם ספר לקוטי הרמ״ז שטעהט פאר דעם רבין פון לובלין א טייערער פשט אויף דעם וואס מיר זאגען אין הושענות הושענא שלש שעות (העלף אונז דריי שעה), די גמרא (שבת דף פ״ט ע״ב) זאגט, אז גאט ב״ה האט געזאגט צו יצחק'ן דיינע קינדער האבען געזינדיגט, האט יצחק געענטפערט: רבונו של עולם, וויפיעל יאהרען לעבט דער מענש, זיבציג, רעכען אראב צוואנציג יאהר וואס די שטראפט נישט אויף זיי. בלייבט איבער פופציג. איצט רעכען פון דעם אראב פופאונצוואנציג יאהר פון די נאכט, בלייבט איבער פונפ־אונצוואנציג יאהר. איצט רעכען פון דעם אראב העלפט פון דאוועגען עסען און רייניגען זיך. בלייבט איבער צוועלף און א האלב יאהר. ווען די ווילסט אלץ פערטראגען איז גוט, ווען נישט העלפט אויף דיר און העלפט אויף מיר. האט דער רבי פון לובלין געזאגט אז ווי מיר רעכענען דעם מעת לעת פיערונצוואנציג שעה, נעם אראב צוועלף שעה פון די נאכט, זעקס שעה פון דאוועגען עסען און רייניגען זיך, בלייבט איבער זעקס שעה. העלפט אויף דיר און העלפט אויף מיר, בלייבט נישט מעהר ווי דריי שעה. און דאס בעטען מיר העלף אונז דריי שעה.

דער הייליגער זידיטשעווער רבי זכותו יגן עלינו האט ערצעהלט אז זיין הייליגער פאטער ר' בעריש האט געהערט פון רבין פון לובלין אז ווען ער איז געוועזין ביי דעם מעזריטשער מגיד דער רבי ר' בער האט ער איינגעטייטשט די גמרא (ע״ז דף י' ע״ב) רבי האט געוויינט און געזאגט ס'איז פערהאנען איינער וואס קויפט זיך די וועלט אין איין שעה, און ס'איז פערהאנען איינער וואס קויפט זיך די וועלט אין וויפיעל יאהרען. וואס באמת האט רבי גישט נעברויכט אויף דעם וויינען נאר פרייען זיך וואס מען קאן זיך קויפען יענע טייערע וועלט אין איין שעה. נאר דאס וויינען איז געווען וואס פאר א חשיבות קאן די עולם הבא זיין ווען מען קאן עס קויפען אין איין שעה אהן טהון מצות און מעשים טובים אין די גאנצע יאהרען פון לעבען. האט צו איהם דער רבי פון לובלין געזאגט ווען דער רבי וועט מיר געבען רשות וועל איך אויך עפעס זאגען אין דעם ענין, האט איהם דער מעזריטשער מגיד געגעבען רשות און ער האט געזאגט, אז רבי האט

זיך

זיך באמת אויף דעם געפרייד אז מען קאן זיך קויפען עולם הבא אין איין שעה, נאר ער האט די שמחה ארויסגעגעבען מיט געוויין וויל די גמרא זאגט (נדרים נ׳ ע"ב) דעם טאג וואס רבי האט זיך געפרייד איז רחמנא ליצלן געקומען א פורעניות אויף די וועלט, דאדורך ווען ער האט זיך געברויכט פרייען האט ער געוויינט. ווי דער מגיד האט דאס געהערט האט ער מודה געווען אז דער פשט איז בעסער פאר זיין פשט.

אין ספר אור לשמים פרשת בראשית שטעהט א פירוש פון רבין פון לובלין אויף די גמרא (חגיגה דף ט׳) עניות איז פאסענד פאר אידען ווי א רויט ציימעל אויף א ווייס פערדעל. וויל ווען מ׳גיעהט פער־קויפען א פערד טהוט מען עס אן א ציימעל און ציערט עס שעהן אוים כדי ס׳זאל געפונען חן אין דעם קונה׳ס אויגען. אבער אין די צייט וואס דאס פערד שטעהט אין שטאל, נעמט מען אראב די צוים און מען גיעט עס צו עסען און צו טרינקען, דאדורך גייבט די גמרא דאס עניות פאר אידען צו א פערד, וויל ס׳איז פאר אונז פיעל ליעבער אויסצוזעהן אין די אומות אויגען ווי אָרעמע לייט כדי זיי זאלען אויף אונז נישט האבען גרויסע אויגען פיעל מיט קנאה, דאמאלס וועלען מיר בלייבען במנוחה אין די היים און עס וועט אונז גארנישט פעהלען.

דער רבי פון לובלין האט געטייטשט די משנה אז אהרן הכהן איז געוועזן א אוהב שלום און א רודף שלום. א אוהב שלום איז ער געוועזן צווישען צדיקים וואס זייער לעבען צוזאמען בשלום איז א ברכה פאר די וועלט, און ביי רשעים איז אהרן הכהן געוועזן א רודף ער האט פון זיי פעריאגט דעם שלום, כדי זיי זאלען נישט האבען קיין התחברות. אזוי ווי דוד המלך עליו השלום זאגט יתפרדו כל פועלי און.

אויך האט דער הייליגער רבי פון לובלין געטייטשט דעם פסוק אין די תורה, ושפטו את העם בכל עת (זיי זאלען ריכטען דאס פאלק אין יעדע צייט), זיי זאלען ארויסגעבען דינים און הלכות לויט די צייט.

אין די הסכמות וואס דער הייליגער רבי פון לובלין האט געגעבען אויף דעם ספר צאן קדשים אויף סדר קדשים. אויף דעם ספר דגל מחנה אפרים, אויף דעם ספר לקוטי מהר"ן, אויף דעם ספר נועם מגדים און אויף דעם ספר אור פני משה. זעהן מיר זיין גרויס עניוות און זיין שפלות ווי ער מאכט זיך דארט נידעריג ביז צו די ערד, און שרייבט אז ער איז נישט ווערט צוגעבען הסכמות וויל ער איז א שפל און א נבזה. אויך שרייבט ער אין זיין הסכמה אויף דעם ספר צאן קדשים, אז ער האט געוואלט אין זיינע יונגע יאהרען מאכען א פירוש אויף דעם סדר קדשים, וויל ס׳איז בעוואוסט די גרויסע מצוה עוסק צו זיין אין הלכות קדשים, אזוי ווי די גמרא זאגט אז דער וואס איז

עוסק

עוסק אין פרשת עולה איז אזוי גוט גלייך ער וואלט מקריב געווען א עולה, נאר ווי מ'האט איהם אנגעהויבען צו בעלאסטען מיט פערשיעדענע בקשות פון אידען וואס ער האט מורא געהאט זיי מדחה צו זיין, וויל דער איבערשטער איז איהם געווען צו הילף צו טהון אידען פיעל טובות, דאדורך האט ער דעם פירוש נישט געקאנט מאכען.

די יאהר=צייט פון הייליגען רבין פון לובלין איז אין תשעה באב תקע"ה. און די הייליגע ספרים וואס ער האט איבערגעלאזט זענען א) זאת זכרון. ב) זכרון זאת. ג) דברי אמת. אלע זענען אויף די פרשיות התורה און פסוקים פון נ"ך. און סוף ספר דברי אמת איז דא חדושים אין הלכה אויף מסכת שבת, בבא קמא, בבא מציעא. בבא בתרא, חולין.

ער האט איבערגעלאזט א גרויסען הייליגען זוהן רבי יוסף טארט=שינער וואס איז געווען א איידעם פון דעם הייליגען גאון רבי מרדכי דער רב אין קארלין זכותם יגן עלינו, און טויזענדער אידען זענען אויך צו זיין זוהן געפאהרען און זענען דורך איהם געהאלפען געווארען.

## עס שטעהט געשריבען אין ספר עטרה לראש צדיק פרשת ואתחנן.

אז ס'איז אמאל געקומען איינער צום הייליגען רבין פון לובלין זכותו יגן עלינו, האט איהם דער רבי געזאגט אזוי פיעל מוסר ביז ער איז שטארק מבויש געווארען. ער האט זיך נישט געקאנט איינ=האלטען און האט דעם רבין געפרעגט מיט פערדרוס פאר וואס ער איז איהם מבייש. האט איהם דער רבי געענטפערט: „ווען אזוי ברויך איך דיך טאקי מפייס זיין. איך האב געמיינט אז מיין מוסר וועט פאר דיין קראנקע נשמה זיין א ריכטיגע מעדיצין. און די וועסט זי מיט דיין גוטען ווילען נעמען אויף רפואה, איצט ווי איך זעה אז די האלסט מיך פאר קיין דאקטאר נישט האב איך דיך דאך בחנם מבייש געווען, בין איך דיך זעהר מפייס, און איך פערלאנג פון דיר די זאלסט מיר מוחל זיין". (חאטש די גמרא אין ערכין ט"ז זאגט, אז מען ברויכט שטראפען ביז צום שלאגען, שעלטען, און פערזידלען, פונ=דעסט וועגען האט איהם דער רבי מפייס געווען, זעהענדיג מיט זיין רוח הקודש אז זיין קראנקע נשמה וועט שוין נישט מעהר געזונד ווערען).

## אין ספר לקוטי מהרי"ל פרשת יתרו שטעהט.

„איך האָב איינמאָל געהאַלטען סוכות אין לובלין בײַ דעם נעכ־ טיכען מאָן רבי יעקב יצחק זכה צדיק לברכה פאַר הלל איז ער גע־ גאַנגען אין סוכה אַרײַן בענשען אתרוג, צווישען די אַלע וואָס זענען מיט איהם מיט געגאַנגען בין איך אויך געווען, און מיר האָבען גע־ זעהן ווי דער רבי האָט געמאַכט זײַנע שרעקליכע תנועות פאַר די ברכה און לערך אַ שעה האָט ער פחד'דיג געשפּרינגען און זיך געוואָרפען אויף אַלע זײַטען, און די וואָס האָבען דאָס צו געזעהן האָבען גערעכענט אַז דאָס איז דער עיקר און האָבען איהם נאָכגעטהון די תנועות און זענען אַרײַן אין אַ גרוים התלהבות, און איך בין מיר געזיצען אויף די באַנק און איך האָב נישט געמאַכט דעם טפל פאַר אַ עיקר, און האָב מיט געדולד געוואַרט ביז ער האָט געענדיגט זײַן בעגײַסטערטע בהלות, דאַמאָלס האָב איך מיך אויפגעשטעלט צו הערען די ברכה וואָס ער האָט געמאַכט אויפ'ן אתרוג מיט'ן לולב, און ס'איז זיך נישט משער צו זײַן אויף וואָס פאַר אַ געטליכע מדרגה איז ער דאַמאָלס געווען. פון זײַנע פײַכטע אויגען האָבען געשטראַהלט ליכטיגע שטראַהלען פול מיט קדושה וטהרה, די ווערטער וואָס זענען אַרויס פון זײַן מויל האָבען זיך געלאָזט הערען ווי שרעקליכע דונערען פון די הימלען. פונקט ווי עס שטעהט בײַ דעם באַרג סיני וכל העם רואים את הקו"ות ואת הלפידים ואת ההר עשן (דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזעהן די קו"ות און די פלאַמען און דעם באַרג אין רויך), וירא העם וינועו (דאָס פאָלק האָט דאָס געזעהן און האָבען זיך געשאָקעלט, אָבער) ויעמדו מרחוק (זײַ זענען געשטאַנען פון ווײַטען), ומשה נגש אל הערפל אשר שם האלקים (משה איז צו געגאַנגען צום נעבעל וואָס דאָרט איז גאָט ברוך הוא), ער האָט נישט געקוקט אויף די קולות און בליצען נאָר אויף די פנימיות פון די הײַליגע עשרת הדברות, און דאָס איז געווען די הויפט רוהם פון משה רבנו עליו השלום"

עס שטעהט אין ספר זכרון טוב, אַז איינמאָל איז דער רבי פון לובלין געווען בײַ דעם הײַליגען רבין ר' שמעלקא זכותו יגן עלינו, און ער האָט איהם געבעטען אַז ווען ער וועט זײַן פערטיעפט אין לערנען און ער וועט זעהן אַז ער איז מסיח דעת פון זײַן דבקות, זאָל איהם דער רבי פון לובלין דערמאַנען פויקענדיג מיט זײַן פינגער אויפ'ן טיש דער רבי פון לובלין האָט ערצעהלט אַז ער האָט איהם נישט בעדאַרפט דערמאַנען, ווײַל אויך ווען ער איז געווען ווי פערטיעפט אין לערנען איז זײַן דבקות אין אייבערשטען געווען אָהן אַ שעור. נאָר איינמאָל האָט זיך דעם רבין פון לובלין געדאַכט אַז דער רבי ר' שמעלקא איז דורך זײַן פערטיעפען זיך אין לערנען אַ ביסעל מסיח דעת פון דבקות האָט ער געוואָלט אַנהײבען צו פויקען מיט זײַן פינגער אויפ'ן טיש,

נאר

נאָר דער רבי ר' שמעלקא האָט איהם אַיינגעהאַלטען זאָגענדיג:
„ברויכסט נישט מיין קינד פויקען, איך האָב מיך אַליין דערמאַנט".

עס שטעהט אין ספר דרכי משה, אַז ווען דער הייליגער רבי פון לובלין איז אויפגעוועז ביי נאַכט האָט ער געזעהן אָבצוהיטען די שטאָדט פון אַ מכשול ווי נאָך אין די טעג בין המצרים. (אַזוי ווי די הייליגע גמרא זאָגט אין בבא בתרא דף צ"ט, אַז דער וואָס איז עוסק אין די תורה לשמה איז מגין אויף די גאַנצע וועלט. ווי די גמרא אין חולין פ"ו ערצעהלט אויף רבי חייא'ן מיט זיינע קינדער).

דאָס ערשטע אָרט פון רבין פון לובלין איז געוועזן אין די שטאָדט לאַנצהוט אין גאַליציען, און דאָרט האָט זיך געפונען אַ פראָסטער מענש וואָס דורך זיין זאָגען אָפט דעם תהלים מיט אַ הייסע ערליכע כונה, האָט ער זוכה געווען צו אַ מלאך פון הימעל וואָס האָט זיך צו איהם צייטענווייז בעוויזען אַלס מגיד, אַזוי ווי דער הימלישער מגיד וואָס האָט זיך אָפט בעוויזען צום הייליגען בית יוסף, (אַזוי ווי עס שטעהט בעשריבען אין ספר מגיד מישרים).

איינמאָל האָט זיך דער הימלישער מגיד בעוויזען צו דעם פראָסטען מענש, און האָט איהם געהייסען אַריינגעהן צום רבין פון לובלין און איהם זאָגען אַז די פמליא של מעלה האָט אויף איהם גוזר געווען ער זאָל פערלאָזען דאָס שטעדטעל לאַנצהוט און זאָל זיך בעזעצען אין דעם שטעדטעל ווינאָווי. צו מאָרגענס איז דער מענש אַריינגעגאַנגען צום רבין פון לובלין און איהם איבערגעגעבען דעם מגיד'ס ווערטער. נאָר דער רבי האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון זיינע ווערטער. אין די צווייטע נאַכט איז דער הימלישער מגיד ווידער געקומען צו דעם מענש, און האָט איהם געהייסען נאָך אַמאָל געהן צום רבין און איהם נאָך אַמאָל זאָגען אַז מ'האָט אויף איהם גוזר געווען אין הימעל ער זאָל זיך בעזעצען אין דעם שטעדטעל ווינאָווי. אין דער פריה איז דער מענש ווידער אַריינגעגאַנגען צום רבין און איהם דאָס צווייטע מאָל געזאָגט דעם מגיד'ס ווערטער. נאָר דער רבי האָט אויך דאָס מאָל נישט געוואָלט איהם גלייבען, אויך האָט ער נישט געוויסט פון דעם שטעדטעל וואָס ער הייסט איהם דאָרט אַהין פאָהרען, און האָט נישט געהאַט ביי וועמען צופרעגען. אין די דריטע נאַכט האָט זיך דער מגיד ווידער בעוויזען צו דעם מענש, און האָט איהם בעפוילען אַז ער זאָל זאָגען דעם רבין, אַז אויב ער וועט איהם דאָס מאָל אויך נישט האָרכען, וועט ער דאָס בעדויערען, ווייל אַזוי איז אַרויסגעגאַנגען די גזרה פון הימעל און עס קאָן שוין נישט אַנדערש זיין. דער מענש איז נאָך אַמאָל געגאַנגען צום רבין און האָט איהם דאָס איבערגעגעבען און איז צוריק אַהיים גע-גאַנגען. צו מאָרגענס האָט שוין דער רבי אָנגעהויבען מורא צו קריגען און האָט אויף דעם מתפלל געווען צום אייבערשטען, אַז אויב ס'איז

ננזר

גנזר געווארען אין הימעל אז ער זאל ארויס פון לאנצהוט און זאל וואוינען אין ווינאווי, זאל מען איהם פון הימעל מגלה זיין ווי דאס שטעדטעל געפונט זיך אין דעם איינעגעם טאג האט ער ערהאלטען א בריעף פון די פאסט מיט א שאלה פון די שטאדט טשעכאוו לובלינער גובערניע, אז דארט שרייבט מען אין די גטין „די שטאדט ווינאווי וואס רופט זיך טשעכאוו", האט זיך דער סופר טועה געוועזן און האט נישט געשריבען די ווערטער „וואס רופט זיך טשעכאוו" נאר ווינאווי אליין. און ווי דער רבי האט געלעזען דעם בריעף האט ער פער־שטאנען אז דאס האט מען איהם מזמין געוועזן מן השמים אין דעם טאג אז ער זאל וויסען ווי דאס שטעדטעל איז.

דער רבי האט גלייך געדינגען א פוהר, און איז אין דעם זעלבען טאג ארויסגעפאהרען מיט זיינע בני בית און חפצים נאך טשעכאוו, פרייטאג איז ער דארט אהין אנגעקומען און איז דערווייל איינגעשטאנען ביי איינעם פון דעם שטעדטעל. און ווי ער איז דארט געזיצען א קורצע צייט איז זיין הייליגער נאמען בעקאנט געווארען, און הונדערטער מענשען האבען אנגעהויבען צו קלאפען אויף זיינע טהירען, און הערען זיינע וואונדערליכע חדושים אין תורה און זיין דאווענען וואס האט גערירט אלע הערצער.

מ'האט אמאל דעם רבין פון לובלין מכבד געוועזן מיט סנדקאות אויף א ברית וואס איז געוועזן איינציגע מייל אונטער די שטאדט. און דורך עפעס א סבה האט דאס פאהרען צו לאנג געדויערט, אז דער בעל ברית האט מורא געהאט ס'זאל נישט אריבער דער זמן און האט א צווייטען מכבד געוועזן מיט דעם סנדקאות, אזוי ווי מ'האט גע־ענדיגט דאס מלה זיין איז דער רבי אריינגעקומען. דער בעל ברית מיט דעם עולם האבען פון דעם געהאט גרויס עגמת נפש, ער האט דעם רבין אנגעהאלטען צו זיין ביי די סעודת מצוה. אויך האט איהם דער גאנצער עולם געבעטען, און ער האט זיי דאס צוליעב געטהון און האט זיך געזעצט צום טיש, און איז ביי די סעודה געוועזן מעהר פרייליך ווי ער איז געוועזן ביי יעדע סעודה פון ברית וואס ער איז דארט געוועזן סנדק, אלע האבען זיך אויף דעם זעהר געוואונדערט, און איינער האט איהם דאס געפרעגט. האט ער איהם נעענטפערט, אז באמת איז די מצוה פון סנדקאות גרויס אהן א שעור, נאר ס'איז נישט מעגליך אז ס'זאל נישט זיין אויסגעמישט אין די מצוה א אויס־ווענדיגע מחשבה וואס פסל'ט זי א ביסעל, און די מחשבה איז א שטיקעל נגיעה אין כבוד, ווייל מען איז שטענדיג מכבד מיט סנדקאות א גדול בתורה און א נכבד, קאן דאך זיין אז יעדעס מאל וואס ער איז געוועזן אויף א ברית סנדק האט ער אויך געהאט אזוי א מחשבה. דאדורך איז זיין שמחה דארט נישט געוועזן אזוי גרויס ווי אויף די שמחה וואס ער האט נישט געהאט דאס סנדקאות

און

און האָט נישט געהאַט אַ נגיעה אין כבוד און מען רעכענט איהם אין הימעל גלייך ער וואָלט יאָ געטהון די מצוה, אַזוי ווי די הייליגע גמרא זאָגט (קדושין דף מ' ע"א) אַז ווער ס'האָט גערעכענט צו טהון אַ מצוה און עס האָט זיך איהם געמאַכט א סכנה וואָס האָט איהם די מצוה נישט געלאָזט טהון, רעכענט איהם דער פסוק גלייך ער האָט זי געטהון. דאַדורך איז ער אויף דעם ברית געוועזן אַזוי פרייליך.

דער הייליגער יוד הקדוש פון פרשיסחא זכותו יגן עלינו האָט אין זיינע יונגע יאָהרען געוואוינט אין די שטאָדט אפט, ווייל ער איז דאָרט געוועזן אַ איידעם פון אַ בעל בית וואָס האָט געהאַלטען אַ גאָרזעלנע וואָס האָט זיך גערופען אויף זיין שוויגערס נאָהמען נאָלדעלע, ווייל זי איז געוועזן די הויפט פיהרערין אין די גאָרזעלנע. און ער איז דאָרט געזיצען און עוסק געוועזן נישט מעהר ווי אין תורה און עבודה, און די גאַנצע שטאָדט האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ גדול בתורה נאָר אין נגלה, אָבער פאַר אַ חסיד האָט מען איהם נישט גערעכענט, אין דאַמאָלס זענען אין אפט געוועזן פיעל גרויסע חסידים און אנשי מעשה וואָס זענען געפאָהרען צום רבין פון לובלין און צום קאָזניצער מגיד זכותם יגן עלינו. און טאַקי אין אפט אַליין איז געזיצען דער הייליגער רבי ר' אברהם יהושע העשיל זכרונו לברכה דער מחבר פון ספר אוהב ישראל, וואָס איז פון דאָרט אַרוים נאָך יאַססי און פון דאָרט נאָך מעזבוז.

נאָר ווייל דער יוד הקדוש איז ביי זיי זעהר געשעצט געוועזן, זעהענדיג אַז ער איז באמת אַ גאון און אַ חריף וואָס האַלט אין זיין האַנד אַלע גאָלדענע שליסלען פון די תורה, דאַדורך האָבען איהם די דאָרטיגע גרויסע חסידים זעהר אָנגעהאַלטען אַז ער זאָל ווערען אַ חסיד און פאָהרען צו די גרויסע גוטע אידען, און ער האָט זיי דאָס נישט געוואָלט הערבען. אויך האָבען זיי איהם געהאַלטען אַז ער איז זיך נישט טובל אין די מקוה, ווייל די מקוה אין אפט איז געוועזן זעהר טיעף, פון די פאָדלאָגע ביז'ן וואַסער איז געוועזן נײַנציג טרעפ, און ס'האָט זיי בשום אופן נישט געקאָנט דערוואַרטען, דאַדורך איז זי שטענדיג געוועזן קאַלט ווי אייז, און קיין חסיד איז זיך נישט נע= גאַנגען איינער אַליין טובל זיין. נאָר ס'האָבען זיך איינגעזאַמעלט אַ קאָמפּאַניע חסידים און האָבען דאָרט פריהער געמאַכט אַ פייער אַז זיי זאָלען זיך קאָנען דערוואַרעמען אַרויפגעהענדיג פון מקוה, און ווייל דער יוד הקדוש איז מיט זיי קיינמאָל נישט מיטגעגאַנגען, דאַדורך האָבען זיי איהם חושד געוועזן אַז ער איז זיך קיינמאָל נישט טובל אין די מקוה, ווייל איינער אַליין איז אונמעגליך זיך דאָרט טובל צו זיין. נאָר באמת פלעגט דער איד הקדוש זיך אויפהייבען האַלבע נאַכט און אַליין זיך טובל זיין אין די מקוה, און האָט דאָרט קיין פייער נישט געמאַכט, נאָר געפרווירענדהייד איז ער אַהיימגעלאָפען אָברעכטען חצות, און האָט נאָכדעם געלערנט נגלה און נסתר איינער

אליין

אליין, און איידער ס'איז טאג געווארען האט ער זיך געלייגט אין בעט אריין אביסעל, ער זאל זיינע געפרווירענע ביינער זיך דערווארעמען, אין דער פריה איז ער געקומען אין דעם בית המדרש אריין בענוי שפעטער פאר אלע און האבען אין זיין פנים דערקענט אז ער איז איצט אויפגעשטאנען פון שלאף, און איז מיט זיי נישט געגאנגען אין מקוה אריין, דאדורך זענען זיי געווען זיכער אז ער געהט קיין מאל נישט אין מקוה. אויך האבען זיי איהם קיינמאל נישט געזעהן לערנען קבלה, אויך האבען זיי איהם נישט געזעהן אבהיטען תפלה בזמנה מיט'ן עולם, און פיעל מאל פלעגט ער דאווענען איינער אליין ביי זיך אין שטוב, ווייל ער איז טאקי געווען דער ערשטער פון די גרויסע גוטע אידען וואס האבען געדאווענט נאך דעם זמן תפלה, און דורך דעם פלעגט ער דאווענען ביחידות ביי זיך אין שטוב. זיין שוועהר האט געהאט אגרויסען בוידעם מיט היי פאר זיינע בהמות, דארט האט דער יוד הקדוש געהאט א ווינקעל צווישען דעם היי, וואס ער פלעגט דארט דאווענען מיט אזוי א אונגעהויער התלהבות, אז ער פלעגט זאגען אז דורך דעם האט ער אלע זיינע ציין פערלוירען, און פון דעם בעהאלטען ארט האט קיין מענש נישט געוויסט אויסער זיין ווייב, ווייל פיעל מאל פלעגט ער אוועקפאלען אין חלשות נאך דעם הייסען דאווענען דאדורך האט ער איהר געזאגט אז אויב ער וועט נישט אראבקומען אין די צייט זאל זי וויסען ארויפצוקומען איהם מינטערן, און אזוי האט זי איהם פיעל מאל געטראפען ליגען דארט אויפ'ן בוידעם אויסגעצויגען אויף די ערד פערחלש'ט, און מיט גרויס מיה האט זי איהם געקאנט דערמינטערן, און אזוי האט ער זיך א לאנגע צייט געפיהרט און ער האט זיך נישט געוואלט אויסגעבען.

איינמאל איז דער דארטיגער רב דער הייליגער „אוהב ישראל" פערביי געגאנגען פאר דעם הויז פון דעם יוד הקדוש'ס הויז, און ער האט געפיהלט א ריח פון גן עדן פון דעם הויז, אזוי ווייט אז ער האט פון דארט נישט געקאנט אוועקגעהן, און ער האט גערעכענט אז ס'האט געמוזט קומען אין די דארטיגע אכסניא אריין עפעס א צדיק. מיט זיין בעפעהל איז דער משמש אריין אין די אכסניא זוכען דעם צדיק און ער איז צוריק ארויס צום אוהב ישראל מיט א ענטפער אז ס'איז קיינער נישט געקומען צו פאהרען. און דער אוהב ישראל איז מיט'ן משמש אוועקגעגאנגען. צו מארגענס איז דער אוהב ישראל ווידער פערביי געגאנגען פאר דעם זעלבען הויז פון דעם יוד הקדוש, און האט ווידער דערשמעקט דעם טייערן ריח, דער משמש האט ווידער געזוכט אין די אכסניא און האט דארט קיין צדיק נישט געפונען, און דאס איז קיינעם נישט איינגעפאלען אז דער צדיק איז דער יונגערמאן דער מתנגד דעם נארזעלניקס איידעם. ווייל מ'האט איהם נישט געהאלטען פאר אזוי א וויכטיגען מענש אז דער הייליגער

אוהב ישראל זאָל מיט איהם מאַכען עפּעס אַ וועזען, דאַדורך איז ער דאָס צווייטע מאָל אַוועקגעגאַנגען מיט זיין משמש נישט וויסענדיג פון וועמען פיהלט מען אַזוי דעם גוטען ריח.

אין דעם דריטען טאָג איז דער היילינער אוהב ישראל עקסטרע געגאַנגען צו דעם הויז וויל זיין חשק איז זעהר גרוים געווען צו וויסען דעם רעטעניש. דער יוד הקדוש וואָס איז דאַמאָלס געווען אויפ'ן בוידעם האָט דאָס בעמערקט, און ער האָט געוויסט אַז דער רב וועט נישט רוהען ביז ער וועט דאָס אַליין דערגעהן, און ער וועט נתגלה ווערען. דאַדורך איז ער צו איהם אַראָבגעגאַנגען און איהם אין די שטיל געבעטען אַז ער זאָל איהם אַבלאָזען און זאָל איהם נישט אויסגעבען. און דער היילינער אוהב ישראל האָט איהם דאָס צוליעב געטהון און איז פון דאָרט אַוועקגעגאַנגען, אויך האָט דער יוד הקדוש מיט איהם קיין התקרבות נישט געמאַכט גלייך ווי פריהער, אַז ס'זאָל קיינער נישט בעמערקען אין זיינע בעהאַלטענע קדושה.

נאָר איין חבר האָט דער יוד הקדוש געהאַט אין די שטאָדט אָסטראָווצע וואָס איז צוויי און אַ האַלב מייל פון אַפּט, און דער חבר איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ מקובל און איז געפאָהרען צום היילינען נישכיזער רבין ר' מרדכי זכותו יגן עלינו. דעם חבר האָט דער איד הקדוש יאָ אַלץ מגלה געווען. יעדע וואָך האָבען זיי זיך איינמאָל בעגעגענט און האָבען זיך איינער דעם צווייטען איבערגעגעבען וואָס זיי זענען אין די וואָך דערגאַנגען. איין וואָך פליעגט דער יוד הקדוש פאָהרען אָדער געהן צו איהם נאָך אָסטראָווצע, און די צווייטע וואָך פלעגט דער חבר קומען נאָך אַפּט.

איינמאָל איז דער יוד הקדוש געקומען צו זיין חבר נאָך אָסטראָווצע נישט אין די צייט וואָס ער האָט זיך מיט איהם בעשטעלט און ווי דער חבר האָט איהם דערזעהן איז ער זעהר דערשראָקען געוואָרען, און ער האָט איהם געפרעגט וואָס איז מיט איהם געשעהן דער יוד הקדוש האָט איהם געענטפערט: „איך האָב אין די טעג עוסק געווען אין קבלה טיעפער ווי אַלע מאָל, און בין דערגאַנגען, אַז דער אין הימעל נעמט קיינמאָל נישט אַוועק דעם צדיק פון די וועלט, וויל פאַר וואָס זאָל מען איהם נישט לאָזען לעבען און אָנטהון דעם איבערש־טען אַ נחת רוח מיט זיין עוסק זיין אין די היילינע תורה. נאָר מען ווייזט דעם צדיק אַזוי אַגרויסע היילינע מדרגה אין צדקות, אַז ס'ווייזט איהם אוים אַז ער קאָן בשום אופן נישט קומען צו די מדרגה כל זמן זיין נשמה איז פערשלאָסען אין דעם ערדישען קערפער, און דורך זיין אומגאַטירליכען חשק צו קומען צו די מדרגה, בעט ער אַליין דעם איבערשטען אַז ער זאָל איהם אַרויפנעמען צו די מדרגה און

נישט

נישט רחמנות האָבען אויף זיין גוף, דאַדורך דאַכט זיך מיר טייערער פֿריינד אַז איך בין אויך געקומען צו די מדרגה, נאָר אַזוי ווי איך האָב מורא אויב איך נאַר מיך נישט אַליין און אפשר האָב איך אַ טעות, דאַדורך האָב איך קיין אַנדערע עצה נישט נאָר צו פֿאָהרען צו איינעם פֿון די גרויסע צדיקים אַז ער זאָל מיר ווייזען דעם אמת און מיך לערנען וואָס איך האָב צו טהון".

ווי דער חבר האָט דאָס געהערט האָט ער איהם געענטפֿערט:

„הער מיך ידידי אוים וועל איך דיר אַ אמת'ע עצה געבען. חאָטש איך פֿאָהר צום רבין פֿון נעשכיז, נאָר צו די זאַך איז דער רבי פֿון לובלין מעהר מסוגל, און דורך איהם וועסט די קומען צו זעהן דעם אמת באספקלריא המאירה".

דער יוד הקדוש האָט די עצה זעהר צופֿריעדען צו גענומען, און איז צוריק געפֿאָהרען נאָך אַפּט, אין דער פֿריה איז ער געגאַנגען אין דעם בית המדרש אַריין, און געפֿרעגט די לובלינער חסידים אויב ווער פֿון זיי פֿאָהרט נישט דאַמאָלס נאָך לובלין, ווייל ער וויל מיט פֿאָהרען און ווערען אַ לובלינער חסיד.

זיי האָבען זיך זעהר געפֿרייד הערענדיג אַז ער וויל איצט טהון דאָס וואָס זיי האָבען איהם שוין אַזוי פֿיעל מאָל געבעטען און ער האָט זיי דאָס אָבגעזאָגט. זיי האָבען געטראַכט אַז אַזוי אַ גרויסער גאון הייבט אָן געהן אין דעם חסידישען וועג, קאָן ער ווערען אַ אמת'ער גוטער יוד, וואָס די וועלט זאָל לעבען אין דעם זכות פֿון זיין תורה און חסידות.

איין שבת פֿאַר דעם, האָט דער רבי פֿון לובלין געזאָגט צו זיינע הייליגע חסידים וואָס זענען געזעסען געבען זיין טיש: „איך האָב געבעטען דעם בורא יתברך שמו: יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה. אַז ער יתברך שמו זאָל מיר ווייזען ביי מיין לעבען ווער ס'וועט זיין מיין ממלא מקומי און וועט נאָך מיר פֿיהרען מיינע ברודער אין די הייליגע חסידישע וועגען. האָט מען מיר געענטפֿערט פֿון הימעל, אַז דאָס וועט זיין אַ מענש וואָס וועט זיין ביי מיר, און וועט הייסען ווי איך".

די חסידים פֿון אַפּט האָבען צו ליעב דעם טייערן אורח גע־דינגען אַ פֿוהר און זענען מיט איהם מיט געפֿאָהרען נאָך לובלין, זעהן ווי זייער רבי וועט צו נעמען דעם נייעם חסיד. און ווי ער האָט נאָר איבערגעטרעטען דעם לובלינער רבינס שוועל, האָט דער רבי געזאָגט „די גמרא יומא דף כ' זאָגט: וכבר צוח אנא השם ונשמע קולו כו' (דער כהן גדול האָט אַזוי לאַנג געשריגען אנא השם ביז מ'האָט זיין קול צו געהערט)„ כבר איז דער טייטש פֿיעל אַ סך, ווייל מען דאַרף אַ סך צו שרייען ביז דער אין הימעל הערט צו דאָס קול".

הערענדיג:

הערענדיג דאס האט דער יוד הקדוש גלייך פערשטאנען אז ער מיינט איהם, און דער רבי האט מרגיש געווען זיין רעיון און זיין מדרגה וואס ער האט גערעדט מיט זיין חבר פון אסטראוויצע, און ער איז זעהר נתפעל געווארען פון די ווערטער.

נאכדעם איז דער לובלינער צדיק אויפגעשטאנען פון זיין שטוהל און איז מיט א פרייליך הערץ און א שמייכעלדיג פנים צו געלאפען צום יוד הקדוש, און האט איהם געגעבען שלום, און זיי האבען זיך ארומגענומען מיט א אונגעהויערע אהבה. מיט זיין בעפעהל האט מען שנעל צוגעטראגען א שטוהל, און האט איהם א נידער געזעצט נעבען זיך, און האט איהם געזאגט מיט דעם לשון: „יישר כחכם וואס איהר זענט צו מיר איצט געקומען, ווען איהר ווארט צו מיר איצט אין די רגע נישט געקומען, ווער ווייסט וואס עס וואלט מיט מיר געווארען, וויל איך האב געהאט גרוים עגמת נפש און גרוים בענגשאפט אייך צו זעהן, וויל מ'האט מיר פון הימעל מגלה געווען אז דער מענש וואס וועט זיצען אויף מיין ארט און פיהרען די יודען בדרך החסידות וועט האבען מיין נאמען. און היינט אין די פריה איז צו מיר גע־קומען א מענש וואס איז געגאנגען אנגעטהון אין זיין טלית, און אויסוועגדיג האט ער אוים געזעהן ווי א צדיק, און האט אויך גע־הייסען ווי איך, און אזוי ווי איך האב אנגעהויבען צו קלערען אז ער זאל זיין מיין ממלא מקומי, איז אויף מיר געפאלען א פינסטערע שרעק, ביז איך האב נישט קיין כח געהאט צו שטיין אויף מיינע פוס און נישט רירהרען מיט קיין אבר מחמת דעם עגמת נפש וואס איך האב געהאט פון דעם, און איצט דערזעהענדיג אייך בין איך דערקוויקט געווארען. און געלויבט איז דער אין הימעל וואס האט מיר געוויזען דעם מענטש וואס וועט נאך מיר פאשען די יודישע הייליגע שאף".

דער גרויסער צדיק יסוד עולם רבי יהודה ליב זכרונו לברכה, דער רב אין זאקולקוב און זאוויחוואסט און דער מחבר פון לקוטי מהרי"ל, האט געהאט א בן יחיד, דער הייליגער גאון און גרויסער צדיק רבי שמואל שמעלקא זכותו יגן עלינו. און דער הייליגער זוהן האט געוואוינט ביי זיין פאטער, און האט טאג און נאכט עוסק גע־ווען אין תורה און עבודה מיט זעהר אגרוים התלהבות, ביז זיין נאמען איז פערהייליגט געווארען אויף די גאנצע וועלט. און ווי זיין פאטער האט געזעהן זיין הייליגקייט און זיין פערוויטערן זיך פון עולם הזה, האט ער מורא געהאט אז זיינע בעקאנטע מענשען זאלען איהם נישט שטערן, דאדורך האט ער אין בית המדרש געמאכט א וואנד און פאר איהם אבגעזאנדערט א ווינקעל, ער זאל פאר זיך האבען א בעזונדער חדר'ל, און ער איז זיך דארט געזיצען טאג און נאכט על התורה ועל העבודה, קיין מענש איז צו איהם דארט נישט

אריינגעקומען

אַרײַנגעקומען אין איהם נישט געשטערט פון זײַן קדושה. נאָר זעהר ווײַט האָט זיך געטראָפען אַז די גרויסע חסידים זענען צו איהם אַרײַנגעגאַנגען פרעגען אַ גרויסען הײליגען ענין וואָס זיי האָבען אין איהם געצווייפעלט, און ער האָט זיי געוויזען דעם אמת'ען וועג.

אין די צײַט איז געווען אַ אָרעמאַן וואָס פלעגט פאָהרען צום הײליגען רבין פון לובלין און צום רבין ר' יהודה ליב פון זאַקולקוב זכרונם לברכה. און יעדעס מאָל וואָס דער אָרעמאַן פלעגט קומען צו די צוויי צדיקים, האָט ער זיך פאַר זיי מתנצל געווען אַז זיי זאָלען פאַר איהם מתפלל זײַן אַז דער אין הימעל זאָל שוין פון איהם אָבטהון זײַן דחקות און זײַן עניות רחמנא ליצלן, נאָר די הײליגע צדיקים האָבען איהם קיינמאָל נישט געוואָלט מבטיח זײַן אַז ער וועט ווערען אויס אביון, נאָר ער אַלײן האָט נישט גערוהט, אין שטענדיג איז נעלינגען אין זײַנע רעיונות אַז ער זאָל שוין געהאָלפען ווערען און פטור ווערען זײַן עניות. דער אָרעמאַן האָט געהאַט צוויי קרובים וואָס האָבען צוזאַמען געוואוינט אין דעם דאָרף וואָס איז צווישען זאַקולקוב און לובלין. זיי זענען געוועזין גרויסע עשירים און האָבען ביידע נישט געהאַט קיינע קינדער. און דער אָרעמאַן ווען ער איז געפאָהרען נאָך זאַקולקוב און פון דאָרט צום רבין פון לובלין, איז ער געפאָהרען דורך דעם דאָרף און אָנגעטרעטען בײַ די צוויי פעטערס, און זיי האָבען איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען אויך אַ ביסעל געלד, און ער איז פון דאָרט אַרײַנגעפאָהרען צום רבין פון לובלין. אַזוי האָט ער זיך נוהג געוועזין וויפיעל מאָל אין יאָהר, אַז די מענשען פון דעם דאָרף האָבען איהם שוין גוט געקאָנט, און יעדעס מאָל וואָס זיי האָבען איהם דערזעהן אין דאָרף, האָבען זיי געשמועסט אַז ער געהט שוין צו די רײַכע פעטערס בעטען אַ נדבה.

איינמאָל אין די הײליגע טעג צווישען כסא לעשור, ווען אַלע גרויסע חסידים און אנשי מעשה געפינען זיך דאַמאָלס בײַ די צדיקים און לערנען די הײליגע ווענען פון חסידות, זענען געקומען איינינגע גרויסע חסידים אין די האַלבע נאַכט אין דעם חדר'ל וואָס איז אין בית המדרש רײדען מיט ר' שמואל שמעלקא ווענען אַ הײליגען ענין, און אַזוי ווי זיי זענען דאָרט געזיצען און געשמועסט צוזאַמען מיט אַהײליגע דבקות אין השם יתברך. האָט איין חסיד זיך אַרויסגעחאַפט פון מויל, אַז ס'וואָלט זעהר גוט געווען ווען זיי זאָלען האָבען דאַמאָלס אַ ביסעל בראָנפען און מיט זייער טרינקען לחיים וואָלטען זיי געקאָנט מתקן זײַן זייערס אַ בעווייסטע זאַך. האָט זיי ר' שמואל שמעלקא געענטפערט אַז ער איז באמת זעהר גערעכט, נאָר ווער קאָן דאָס אין די האַלבע פינסטערע נאַכט נעהן קויפען בראָנפען. אויך איז דאַמאָלס געגאַנגען זעהר אַ שטאַרקער רעגען און די בלאָטע איז געווען שרעקליך.

דער אָרעמאַן איז דאָרט געזיצען און האָט גוט אויסגעהערט

זייער

זייער שמועס, און האט ביי זיך געטראכט אז איצט איז געקומען די ריכטיגע צייט וואס ער קאן באמת געהאלפען ווערען און ווערען אוים ארעמאן. ער האט זיך אויפגעהויבען מיט קוראש און איז אריינגעגאנגען אין דעם חדר'ל, און האט זיי געזאגט אז ער וועט זיין דער שליח און וועט זיי ברענגען בראנפען, נאר מיט דעם בעדינג אז ר' שמואל שמעלקא וועט איהם מבטיח זיין אז ער וועט שוין מעהר נישט ברויכען בעטען ביי זיינע פעטערס קיין נדבה און נישט עסען פער=שעמט ברויט.

דער הייליגער רבי שמואל שמעלקא האט אויף איהם געקריגען רחמנות און האט איהם טאקי דאמאלס מבטיח געווען אז ער ווערט אוים ארעמאן. דער ארעמאן איז זעהר נתפעל געווארען פון דעם הייליגען מויל'ס ווערטער, נאר ער האט זיך מישב געווען און גע=זאגט צו איהם: „איהר זאלט מיר מוחל זיין וואס איך בין אזוי דרייסט אייך צו זאגען, אז חאטש איך ווייס אז פון אייערע ווערטער וועט איין ווארט נישט אוועקפאלען און דאס וואס געהט ארויס פון אייער מויל איז הייליג, פון דעסטוועגען קלעהר איך אביסעל איבער, ווייל איך האב שוין פיעל מאל אנגעקלאפט אויף אייער הייליגען פאטערס טהיר, אויך אויף די טהיר פון הייליגען רבין פון לובלין, און האב פאר זיי טייכען טרערען פערגאסען אז זיי זאלען פאר מיר מתפלל זיין איך זאל אוים אביון ווערען. מיינע אויערען האבען דארט ביי זיי פיעל פיעל מאל געהערט ווי זיי זענען מבטיח פיעל מענשען אז זיי וועלען ווערען עשירים, און מיר האבען זיי דאס בשום אופן נישט געוואלט צו זאגען, דאדורך זאלט איהר קיין פאראיבעל נישט האבען וואס איך זאג אייך, אז איך פערלאנג אז איהר זאלט מיר דאס הייליג מבטיח זיין".

דער הייליגער רבי שמואל שמעלקא האט איהם אויף דעם גע=ענטפערט מיט זעהר א גרויס התלהבות און מיט בעגייסטערטע אויגען צום הימעל, „וואס ארט דען דעם רבונו של עולם אויך וואס ארט דאס אונז אז א יוד וועט ווערען בעפרייט פון עניות. דאדורך בין איך דיר מבטיח אז די וועסט בקרוב געהאלפען ווערען און די וועסט זיין א עשיר אין דיין גאנצען לעבען".

ווי דער ארעמאן האט דאס געהערט פון אזוי א הייליג מויל, איז ער געווארען מלא שמחה, ער האט געחאפט מיט קוראש דאס פלעשעל און איז געלאפען אין א שענק אריין, נישט קוקענדיג אויף דעם שטארקען רעגען מיט די גרויסע בלאטע. ער האט אנגעקלאפט אויפ'ן טהיר פון שענק שרייענדיג אריין אז ער וויל קויפען פאר א סך געלד בראנפען, און הערענדיג דאס האט זיך דער שענקער אויפגעהויבען פון בעט און האט איהם געעפענט, נאר זעהענדיג דעם בעטלער מיט זיינע פאר גראטען איז ער אויף איהם זעהר איז כעס געווארען און האט איהם

דאָס ביסעל בראָנפען נישט געוואָלט פערקויפען. נאָר ער האָט איהם זעהר שטאַרק געבעטען ביז ער האָט איהם אָנגעגאָסען דאָס ביסעל בראָנפען. מיט גרויס שמחה איז דער אָרעמאַן צוריקגעלאָפען מיט'ן בראָנפען אין דעם חדר'ל אַריין און האָט ר' שמואל שמעלקען געגעבען דעם בראָנפען, און איז צו זיך אַהיים געגאַנגען מיט שטאָלץ גלייך ער וואָלט שוין אַ עשיר געווען.

שבת חול המועד סוכות ביי די סעודה פון שחרית, איז דער הייליגער רבי ר' יהודה ליב געזיצען אין זיין סוכה מיט זיינע הייליגע חסידים, און דאָס פענסטער איז אויסגעקומען נעבען איהם, אין מיטען סעודה האָט פון דרויסען אַ האָהן אַ שפרינג געטהון און מיט די פליגעל האָט ער אַ שטאַרקען קלאַפּ געגעבען אין פענסטער און איז צוריק אַוועקגעלאָפען, דער רבי האָט צום האָהן אַ געשריי געטהון: „מ'דאַרף מיר נישט ערצעהלען. איך ווייס דאָס אַליין". ווי די חסידים האָבען דאָס געהערט זענען זיי שעור געשטאָרבען פון שרעק ווייסענדיג אַז דאָ האָט עפּעס שרעקליכעס געמוזט פּאַסירען, נאָר זיי זענען נישט געווען דרייסט צו פרעגען דעם רבין וואָס דאָס איז אַזוינס. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט האָט דער זעלבער האָהן דאָס צווייטע מאָל אַ שפרינג געגעבען און נאָך אַ שטאַרקערן קלאַפּ געגעבען אין פענסטער, דער רבי האָט געזאָגט: „איך ווייס נישט וואָס ער וויל פון מיר, איך האָב דאָך שוין געזאָגט אַז איך ווייס דאָס אַליין", דער האָהן איז אַוועקגעלאָפען און די שרעק איז נאָך שטאַרקער געוואָרען אין דעם הערץ פון די חסידים, און זיי האָבען מורא געהאַט אַ ריהר צו טהון זיך פון אָרט און ווי זיי זיצען אַזוי אין די שרעק גיעט דער האָהן אַ אומגעהויערן שפרינג און אויסגעהאַקט די שויב פון פענסטער און איז אַריינגעפלויגען אין סוכה אַריין אונטער די באַנק ווי דער רבי איז געזיצען. דער רבי האָט גלייך געזאָגט צו די חסידים: „נעמט שנעל דעם מחוצף פון אונטער מיין באַנק און וואַרפט איהם אַרויס, ווייל ער האָט געהאַט אַזוי אַ העזה צו מיר אַריינצופליהען אין די הייליגע סוכה אַריין".

חאָטש די חסידים האָבען געציטערט אָנצוקוקען דעם אומנאַטירליכען האָהן, פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך געשטאַרקט צו ערפיהלען זייער הייליגען רבינ'ס וואונש, און האָבען דעם האָהן אַרויסגעוואָרפען פון די סוכה, און דער רבי האָט זיך פון דעם גאָרנישט געמאַכט נאָר איז ווייטער געזיצען ביי דעם טיש אָהן די מינדעסטע שינוי, און האָט געזאָגט חדושי תורה און רזין דאורייתא ווי אין אַנדערע שבתים. און ווי די סעודה האָט זיך געענדיגט האָט זיי דער רבי אָנגעזאָגט אַז מ'זאָל היינט קומען דאַווענען מנחה פריהער ווי אין יעדען שבת.

זיי זענען אַלע אַוועקגעגאַנגען פון טיש מיט גרויס פחד נישט ווייסענדיג וואָס זאָל דאָס בעדייטען די שרעקליכע זאַך וואָס זייערע

אויגען

אוינען האָבען געזעהן. זיי זענען געקומען דאַווענען מנחה פריהער ווי אַלע מאָל. נאָך דעם דאַווענען האָט דער רבי תיכף געמאַכט שלש סעודה, און די שרעק פון די חסידים איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרען זעהענדיג פון זייער רבין אַזאָלכע שרעקליכע זאַכען וואָס זיי האָבען פון איהם קיינמאָל נישט געזעהן. זיצענדיג ביי'ם טיש האָט דער רבי יעדעם מאָל אַרויסגעשיקט זעהן אויב עס שטעהן שוין שטערען אויפ'ן הימעל. און ווי אַ חסיד איז אַריינגעקומען מיט אַ ענטפער אַז עס שטעהן שוין שטערען, האָט דער רבי גלייך געהייסען בענשען, און נאָך דעם בענשען האָט ער גלייך געהייסען דאַווענען מעריב, און האָט געמאַכט הבדלה, נאָכדעם איז ער אַריינגעגאַנגען אין די רביצינס חדר און האָט זי געהייסען אָנטהון און דינגען אַ פוהר צו בעגלייטען זייער זוהן וואָס איז אין דעם האַלבען טאָג נפטר געוואָרען אין לובלין. זיי האָבען זיך אויפגעזעצט אויף אַ פוהר און זענען געפאָהרען נאָך לובלין האַלבע נאַכט זענען זיי אַריינגעקומען אין שטאָדט אַריין. דער רבי ר' יהודה ליב איז גלייך אַריינגעגאַנגען צום רבין פון לובלין און האָט איהם געטראָפען אָברעכטען חצות, און ער האָט איהם דרייסט געזאָגט: „איך האָב דאָך געשיקט מיין זוהן צו אייך אַז איהר זאָלט איהם טהון אַ טובה". האָט איהם דער רבי פון לובלין געענטפערט: „איך האָב גאַנץ גענוג פעולות געטהון איך זאָל איהם מציל זיין, נאָר דאָס האָט נעבעך נישט געהאָלפען ווייל דאָס האָט נישט געקאָנט העלפען, ווייל דער אָרעמער יוד איז געבוירען געוואָרען צו זיין שטענדיג אַ אָרעמאַן און אַזוי איז אויף איהם נגזר געוואָרען אין הימעל, און אַייער זוהן נשמתו בגנזי מרומים האָט זיך איינגעשפאַרט אַז ער זאָל רייך ווערען, און דאָס האָט געמוזט מקויים ווערען ווייל וואָס דער צדיק איז גוזר איז דער אייבערשטער מקיים, און דער איז טאַקי געוואָרען אַ עשיר, און ער האָט שוין נישט געקאָנט זיין אויף די וועלט", און ווי דער אָרעמאַן וואָס איז דאָ טאַקי געוועזין אויף סוכות האָט געזעהן אַז רבי שמואל שמעלקא איז נסתלק געוואָרען, האָט גלייך פערשטאַנען אַז דאָס איז געוועזין די סבה. און ער האָט אויף דעם זעהר חרטה געהאַט, און פון גרויס שרעק אַז מ'זאָל זיך נישט פון דעם דערוויסען אין שטאָדט. איז ער גלייך נאָך הבדלה אַרויסגעפאָהרען פון לובלין און איז נישט צו זיך אַהיים געפאָהרען, נאָר ער האָט זיך געפיהרט ווי שטענדיג און האָט פריהער אָנגעטרעטען אין דעם דאָרף וואָס איז אונטער לובלין אַז זיינע פעטערס זאָלען איהם ווידער שטיצען ווי שטענדיג. און אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען אין דאָרף אַריין, האָבען די דאָרפסלייט אויף איהם געוויזען מיט זייערע פינגער זאָגענדיג: „אָט דער אָרעמאַן געהט צו זאַנע רייכע פעטערס בעטען אַ נדבה אַזוי ווי אַלע מאָל, און ער מוז נאָך נישט וויסען אַז היינט מיטאָג זענען זיינע ביידע פעטערס געשטאָרבען אָהן קינדער און ער וועט ירש'ענען זייער גאַנץ פערמעגען". דער אָרעמאַן איז אַריינגעקומען אין זיינע פעטערס

הייזער און האט זיך דערוויסט פון זייער טויט און זייער גרויס פער=
מעגען איז טאקי אריינגעפאלען אין זיינע הענד און איז געווארען
אגרויסער עשיר.

דער קאלביעלער רב רבי מרדכי זאב זכרונו לברכה דער מחבר
פון ספר קול הרמ"ז פלעגט ערצעהלען, אז דער הייליגער צדיק יסוד
עולם רבי שמואל קאריווער פלעגט פאהרען צום הייליגען רבין פון
לובלין זכותם יגן עלינו. און ער איז געוועזן לא עלינו זעהר אגרויסער
אביון. ער האט אויף זיך איינמאל גענומען אז ער זאל שוין מעהר
נישט ריידען קיינעם קיין נדבה אפילו עס וועט ביי איהם זיין סכנת
נפשות, און ער וועט נאר נעמען אזוי א נדבה וואס ס'איז די מנדבים
אליין איינגעפאלען איהם צו געבען. און חאטש זיין ווייב האט איהם
זעהר געפייניגט, פונדעסטוועגען האט ער אויף איהר שרייען גארנישט
געקוקט און האט קיינעם נישט געבעטען שטיצע.

עס איז געקומען פאר פסח און ער האט נישט געהאט קיין עצה
און קיין מיטעל צו קויפען אלץ וואס א יוד געברויכט אויף דעם
הייליגען יום טוב, פונדעסטוועגען איז ער נישט אראבגעגאנגען פון דעם
וואס ער האט ביי זיך פעסט בעשטעטיגט נישט צו ריידען קיינעם
מעהר קיין נדבה, און חאטש ער האט פון דעם געהאט זעהר גרויס
עגמת נפש, האט ער געהאט א גרויסען בטחון אז דער אין הימעל וועט
איהם נישט פערלאזען און וועט איהם נישט לאזען שטארבען חלילה
פון הונגער.

פאר פסח איז דער גביר און מפורסם'דיגער חסיד ר' שלמה פון
קאנסקיוואליע דער איידעם פון חעלעמער רבין ר' נטע געוועזן אין
לובלין ביי דעם רבין. און דער רבי פון לובלין זאגט צו איהם אז
ער זאל זעהן צו שיקען צו ר' שמואל קאריווער אלץ וואס ער גע=
ברויכט אויף פסח, הן עסען און טרינקען, הן יום=טוב'דיגע כלים.
און דער גביר האט דעם רבין געהארכט און האט דעם ר' שמואל'ן
בעזארגט מיט אלעמען. ערב פסח איז צו געפאהרען א פוהר געפאקט
מיט כל טוב און מ'האט דאס אריינגעטראגען צו ר' שמואל'ן.

ווי ר' שמואל האט דאס דערזעהן איז איהם ליכטיג געווארען
פאר די אויגען, און ער איז געזיצען ביי דעם סדר מיט שמחה און
הרחבת הדעת אז ער האט פון גרויס שמחה און דבקות הבורא יתברך
אין גאנצען פערגעסען אז ער געפונט זיך אויף די וועלט, און ביי
יעדע זאך וואס ער האט געטהון האט זיך איהם געדאכט אז ער פליהט
אין הימעל העכער העכער אויף די הייליגע מדרגות וואס ער האט
דאמאלס בעקומען פון די גרויסע שמחה וואס ער האט געהאט פון
דעם וואס דער בורא יתברך האט איהם געהאלפען מיט אלעם גוטען
און ער האט נישט געברויכט ריידען קיין נדבה אויף דעם הייליגען

יום טוב, און ס'האט זיך איהם געדאכט אז צייט ער לעבט האט ער נאך נישט געהאט אזוי א הייליגען און פרייליכען פסח ווי דאס מאל.

די צווייטע נאכט פסח פאר דעם סדר האט ער זיך אביסעל געלייגט אויפ'ן בעט אברוהען זיך פון זיין הייליגע עבודה ביי דעם ערשטען סדר און איז שטארק איינגעשלאפען. ווי ער האט זיך אויפ־געחאפט פון שלאף האט ער געזעהן אז ס'איז שוין באלד חצות, און ער איז אלע מאל שטארק נזהר געווען צו עסען דעם אפיקומן פאר חצות, דאדורך האט ער פון דעם געהאט זעהר גרוים צער און פיעל עגמת נפש, און האט זעהר געשווינד אנגערעכט דעם סדר אז ער זאל נאך קאנען עסען דעם אפיקומן פאר חצות, און ער האט פון דעם זיך זעהר מצער געווען, אזוי שנעל אבצופטר'ן דעם הייליגען סדר. און נאך פסח איז ער געפאהרען צום רבי פון לובלין, און ווי דער רבי האט איהם געגעבען שלום האט ער צו איהם געזאגט מיט דעם לשון: „מיר ווילען בעטראכטען די סדרים וואס ר' שמואל האט אב־געריכט. דער ערשטער סדר איז געווען מיט אזוי א שפלות אז ס'האט זיך איהם געדאכט אז ער פליהט אין הימעל. וואס איז דאס אזוינס פליהען אין הימעל. די צווייטע נאכט איז דער סדר געווען זעהר שען, ס'געפונט זיך נישט נאך איינער וואס קאן אבריכטען אזוי א הייליגען סדר אזוי ווי דער צווייטער סדר וואס ר' שמואל האט אבגעריכט".

דער הייליגער גאון רבי פנחס דער רב אין אוסטילא, א זוהן פון דעם גרויסען גאון רבי יוסלי, א זוהן פון אלטען נעשכיזער רבין ר' מרדכי דער מחבר פון ספר רשפי אש, זכותם יגן עלינו, ער האט ער־צעהלט אז איינמאל איז זיין הייליגער פאטער ר' יוסלי דערגאנגען אז דער רבי פון לובלין וועט א דורכפאהרען דורך זיין שטעדטעל אוסטילא און וועט זיך דארט אברוהען, דאדורך האט ער דורכאויס געוואלט אז ער זאל ביי איהם איינשטעהן.

ר' יוסלי האט געוויסט אז דער רבי פון לובלין איז זיך נוהג, אז ער קומט פערמאטערט פון וועג, לייגט ער זיך אויפ'ן בעט און רוהט זיך אזוי אב. דאדורך האט ער גערופען א סטאליאר א ירא שמים און האט איהם געהייסען מאכען א ניי בעט פאר דעם רבין פון לובלין, און האט געזאגט דעם טעם, וויל ווען דער הייליגער רבי לייגט זיך אויף א פרעמד בעט שרייט ער אפטמאל אז עס שטעכט איהם, דאדורך וויל ער איהם מאכען א ניי בעט וואס ס'איז נאך קיינער אויף איהם נישט געשלאפען. אויך האט ער דעם סטאליאר געהייסען זיך פריהער טובל זיין איידער ער הייבט אן מאכען דאס בעט. און אנפאנגס האט דעם סטאליאר דער עסק נישט געשמעקט, וויל ער האט געשראקען אז דער רבי זאל אויף זיין בעט אויך נישט זאגען אז עס שטעכט איהם, נאר ער האט דאס דעם הייליגען ר' יוסלי'ן נישט געקאנט אבזאגען דאדורך האט ער די ארבייט אנגענומען, און ער האט אנ־געהויבען

געהויבען מאַכען דאָס בעט מיט אַ צובראָכען הערץ און הייליגע רעיונות, טראַכטענדיג אַז דער הייליגער רבי פון לובלין וועט אויף דעם בעט ליגען. און אַזוי ווי ער האָט עס פערטיג געמאַכט האָט ער עס גלייך געבערענגט צו ר' יוסלי'ן, און ער האָט עס אַריינגע־שטעלט אין אַ בעזונדער חדר און האָט עס אויסגעבעט מיט דעם ריינסטען און שענסטען בעטציינג אַזוי ווי עס קומט אַזוי אַ געטליכער מאַן, אויך האָט ער דאָרט אין דעם חדר אַריינגעשטעלט אַ טיש און אַ שטוהל און אַ לאָמפּ און האָט עס פערשלאָסען אַז קיינער זאָל דאָרט אַהין ניט אַריינגעהן.

אין איינינע טעג אַרום איז דער רבי פון לובלין געקומען צו פאָהרען. ר' יוסלי איז איהם אַקעגען געגאַנגען און האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל ביי איהם איינשטעהן. און ער איז אויף דעם מרוצה גע־וואָרען. ער האָט איהם מיט שמחה אַריינגעפיהרט אין דעם בעזונדערן חדר און האָט איהם געוויזען דאָס נייע בעט וואָס ער האָט פאַר איהם געלאָזט מאַכען, און ער האָט איהם ערצעהלט אַז דער סטאָליאַר האָט האָט עס געמאַכט איז אַ ירא שמים, און האָט דעם רבין געבעטען אַז ער זאָל זיך טאַקי לייגען אויף דעם בעט אָברוהען פון וועג, און דער רבי האָט איהם געהאָרכט, און ווי ער האָט זיך נאָר געלייגט אויף דעם בעט האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען אַז עס שטעכט איהם, ווי ר' יוסלי האָט דאָס דערהערט איז ער זעהר דערשראָקען געוואָרען, אויך האָט ער מורא געהאַט צו בעטען איהם אַז ער זאָל זיך לייגען אויף זיין בעט טאָמער וועט ער אויף זיין בעט נאָך מעהר שרייען אַז עס שטעכט איהם נאָר וויל ער האָט באמת חס געהאַט אויפ'ן רבינס גע־זונד און האָט דורכאויס געוואָלט אַז ער זאָל זיך אָברוהען, האָט ער איהם געבעטען אַז ער זאָל זיך לייגען אויף זיין בעט, און ער האָט איהם דאָס צוליעב געטהון, און ליגענדיג אויף ר' יוסלי'ס בעט האָט ער גע־זאָגט. „ס'איז אַ מחיה. אַ אויפפרישונג אין מיינע ביינער. אויך די נשמה איז צופריעדען פון די קדושה וואָס ליגט אין דעם בעט".

ר' יוסילע הערענדיג די ווערטער פון דעם געטליכען מאַן איז ער געוואָרען פול מיט שמחה און הרחבת הדעת און האָט איהם געפרעגט: „אַ גרויסער חידוש אויף אייך הייליגער רבי וואָס איהר האָט געזאָגט ליגענדיג אין דעם נייעם בעט אַז עס שטעכט אייך. דאָס בעט האָט געמאַכט אַ איד אַ ירא שמים מיט אַ הייליגע כונה פאַר אייך, און האָט זיך פאַר'ן אָנהייבען מאַכען דאָס בעט טובל געוועזען אין מקוה".

דער רבי האָט איהם אויף דעם מיט תמימות געענטפערט: „חס וחלילה דאָס בעט איז אַ גאַנץ כשר בעט, נאָר עס שלאָגט מיר פון איהר אַ מרה שחורה וויל עס איז געמאַכט געוואָרען בין המצרים (אין די ניין טעג וואָס איז ביז תשעה באב און דער סטאָליאַר איז געוועזען

אַ ירא שמים און האָט אין די טעג געקלאָגט אויפ'ן חורבן בית המקדש).

ר' יוסלי איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם חדר, און דער רבי איז זיך אַביסעל איבערגעשלאָפען, נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבען און געדאַווענט מנחה, נאָכדעם האָט ער זיך געזעצט לערנען זיין שעור ביז מעריב.

רבי יוסלי האָט געזאָגט צו זיין הייליגען זוהן רבי פנחס: „אַזוי ווי דער הייליגער רבי לערנט איז זיין שעור ביי אַ ליכט, און ווען דאָס ליכט וועט נישט גוט ברענען, וועט ער נישט וועלען אַיינרעכטען זיינע הייליגע הענד ביי דעם חלב, זאָלסט די אַהין טראָגען דאָס שנייצשערעל וואָס איך האָב נאָך בירושה פון טאַטען זכרונו לברכה, נאָר אַזוי ווי די ביסט נאָך אַ קינד מוז איך דיר זאָגען אַז די זאָלסט דיך דאָרט פיהרען מיט גרויס דרך ארץ, די זאָלסט נישט האָסטיג זעגען זיין טהיר, און ווען די זעהסט אַז ער איז שטאַרק פערטיעפט אין לערנען זאָלסטו די נישט אַריינגעהן, נאָר צוריק לאַנגזאַם פערמאַכען די טהיר, ווען די וועסט זעהן אַז ער קוקט אַרום זיך, דאַמאָלס זאָלסטו די געהן אויף די נעגעל מיט גרויס דרך ארץ און אַיינקלייגען דאָס שערעל אויפ'ן טיש און אַרויסגעהן מיט דיין פנים צום רבין".

דער רבי פנחס האָט אַזוי זיך געפיהרט ביי דעם אַריינגעהן מיט'ן שערעל, נאָר אַזוי ווי ער האָט עס אַניעדער געלייגט אויפ'ן טיש האָט עס דער רבי מיט הקפדה אַ שטויס צוריק געגעבען, אַז ר' פנחס האָט זיך פאַר דעם דערשראָקען, און פון פחד האָט ער צוריק גענומען דאָס שערעל, פערגעסענדיג זיין הייליגען פאָטערס ווערטער, און איז אַהיים געגאַנגען און ערצעהלט זיין פאָטער דעם רבינם הקפדה. ווי ער האָט דאָס געהערט האָט ער אָנגענומען איהם ביי זיין האַנד און איז מיט איהם אַריינגעגאַנגען צום רבין, און ווי ער האָט לאַנגזאַם געעפענט די טהיר האָט ער געזעהן ווי דער רבי איז שטאַרק פערנומען מיט זיינע געדאַנקען. איז ער מיט זיין זוהן געבליבען שטעהן ביי די טהיר און איז נישט ווייטער געגאַנגען, און ווי ער האָט געזעהן אַז דער רבי קוקט אין די זייט, איז ער געגאַנגען מיט שרעק אויף די נעגעל און ר' פנחס איז איהם נאָכגעגאַנגען און האָט דאָס שערעל אַניעדערגעלייגט אויפ'ן טיש. נאָר דער רבי האָט דאָס איצט אויך אָבגעשטויסען. און חאָטש ער האָט פון דעם געקריגען חולשת הדעת פונדעסטוועגען האָט ער זיך געשטאַרקט און איהם געזאָגט אַז דאָס שנייצשערעל האָט ער נאָך בירושה פון זיין הייליגען פאָטער. האָט איהם דער רבי געענטפערט: „אייער פאָטער האָט גוט געקאָנט אָבשנייצען דאָס ליכט מיט'ן שערעל, וויל ווען מען שנייצט אָב דאָס ליכט מיט אַ שערעל, ברויך מען מצמצם זיין דעם געדאַנק מ'זאָל נישט מעהר

אבשניידען

אָבשנײַצען דאָס ליכט זאָל נישט אויסגעהן, און ווען מען לײגט אין דעם אַרײַן די מחשבה איז גאַנץ לײַכט איבערצורײַסען דעם דבקות אין אײבערשטען, און אײער פֿאָטער אויך ווען ער האָט אַרײַנגעלײגט דעם געדאַנק אין ליכט האָט ער אויך נישט אָבגעריסען זײַן מחשבה פֿון אײבערשטען, אָבער מיר קאָנען דאָס נישט בעווײַזען, דאַדורך איז מיר גרײַכער אָבצושנײַצען דאָס ליכט מיט די האַנד אָדער גאָר נישט אָבשנײַצען און נישט בענוצען קײן כלי צו דעם".

דער גאון רבי יעקב מרדכי דער רב אין בולגרײַ ערצעהלט וואָס ער האָט געהערט פֿון דעם גרויסען צדיק רבי קלמן פריצקער אַ אײניקעל פֿון רבין פֿון לובלין זכותם יגן עלינו, אַז ער איז געווען יום טוב אין לובלין אין זײַן הײליגען זײדענס בית המדרש, און פֿאַר'ן עמוד האָט דאַמאָלס געדאַווענט זײַן תלמיד רבי פײבוש הובניוער, און זײַן מנהג איז געווען בײַ זײַן דאַווענען ווי דער הײליגער תנא רבי עקיבא, צו לויפֿען מיט התלהבות פֿון אײן ווינקעל צום צווײטען, נאָר בײַ דעם רבין פֿון לובלין האָט ער זיך מיט אַלע זײַנע כחות אײנגעהאַלטען און מטעם יראה פֿאַר'ן רבין איז ער געשטאַנען און גדאַווענט האָטש אין זײַן הערץ האָט געפֿלאַקערט אַ הײליג פֿײַער. נאָר ווי ער איז געקומען צו די ווערטער כלם אהובים כלם ברורים, און ער האָט עס געזינגען ווי דער מנהג איז יום טוב, האָט זײַן התלהבות אָנגעהױבען אַזוי זיך צופֿערשפּרײטען אין זײַן קערפּער, אַז ער האָט פֿערגעסען אַז נעבען איהם געפֿונט זיך דער הײליגער רבי פֿון לובלין, און ער האָט אָנגעהױבען אַרומצולױפֿען אין בית המדרש מיט'ן נגון, און דער גאַנצער עולם האָט איהם אָנגעקוקט מיט גרױם וואונדער, נאָר דער רבי פײבוש האָט פֿון גרוים דבקות נאָרנישט געזעהן וואָס אַרום איהם טהוט זיך אויך האָט ער נישט בעמערקט ווי דער הײליגער רבי דעקט אויף דעם טלית פֿון זײַן פנים און בעטראַכט איהם, ביז ער האָט געענדיגט דאָס זינגען און איז אַלײן צוריק געגאַנגען צום עמוד. נאָך דעם דאַווענען האָט דער הײליגער רבי געזאָגט צום עולם: „ווען ר' פײבוש הובנאָווער זינגט כלם אהובים, זאָגט דער בורא יתברך צו זײַן פמליא של מעלה געהט אַראָב און זעהט דעם כח פֿון אַ בשר ודם ווען איהר אײך שעמען, און ווי שעמען זיך טאַקי". און דער צדיק רבי קלמן פריצקער האָט אויף דעם געענטפֿערט. אַז דאָס וואָס דער רבי פֿון לובלין האָט אָבגעדעקט דעם טלית און אַפֿער געקוקט, איז געווען ווײַל ער האָט אונטער דעם טלית געפֿיהלט ווי די פמליא של מעלה קומט אָן.

נאָך ערצעהלט דער בולגרײַער רב ר' יעקב מרדכי וואָס ער האָט געהערט פֿון דעם צדיק רבי קלמן פריצקער, אַז ער איז אַלײן געשטאַנען בײַ דעם רבין פֿון לובלינס טיש און האָט געהערט ווי ער זאָגט מיט דעם לשון: „מיר זאָגען תורה ווער זענען מיר דאָס וואָס מיר זאָגען תורה, מיר האָבען דאָן עפּעס אַ זכות, מיר האָבען עפּעס

אהבת

אהבת ישראל, און וואָס האָט דײַן דאָס אַבעטרעף געגען אונזערע עונות, לערנען מיר דען תורה לשמה, וואָס דען האָט דאָס אַ חשיבות, עס שטעהט דאָך ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי" (צום רשע זאָגט גאָט ווי קומסט די צו ערציילען מיינע געזעצען). נאָכדעם האָט ער געזאָגט: „מיר האָבען אויף דעם חרטה, מיר האָבען אַ קבלה פון אונזער רבין אַז מיר זאָלען זיך נישט מכניע זיין פאַר'ן עולם און מיר זאָלען דרייסט זאָגען תורה, ווייל שרפים ואופנים וואַרטען אויף אונזער תורה". און ער האָט אָנגעהויבען זאָגען תורה,

ווען דער הייליגער קאָזניצער מגיד איז געווען בײַ דעם רבין אין לובלין, האָט ער איהם געפרעגט אויב עס געפונט זיך בײַ איהם עפעס פרומע און גוטע יונגעלײַט. און ווי ער האָט איהם געענטפערט יאָ. האָט ער איהם געבעטען ער זאָל איהם שיקען צוויי פון זיי נאָך קאָזניץ אַז ער זאָל זיך מיט זיי משתעשע זיין אין תורה און חסידות. און דער רבי האָט איהם דאָס הייליג צו געזאָגט. און אַ צײַט אַרום ווען דער מגיד איז שוין געווען אין קאָזניץ האָט איהם דער רבי גע= שיקט צוויי תלמידים פון לובלין, דעם הייליגען יוד הקדוש און רבי דוד לעלאָווער זכותם יגן עלינו. דער מגיד האָט זיי געפרעגט אויב זיי קאָנען לערנען, און זיי האָבען איהם געענטפערט יאָ. דער מגיד האָט געבעטען דעם יוד הקדוש אַז ער זאָל איהם זאָגען עפעס אַ חדוש אין לערנען, האָט איהם דער יוד געזאָגט אַ מויפען פלפול ווי זיין שטייגער איז געווען. און דער מגיד איז פון דעם זעהר צופריעדען געווען, נאָכ= דעם האָט דער מגיד זיי געזאָגט אַ אויפטהו אין לערנען, נאָר דער יוד הקדוש האָט מיט זיין חריפות צו לייגט זיין אויפטהו און ווי ער האָט בעמערקט אַז דער מגיד בעקומט פון דעם אַ ביסעל חולשת הדעת, האָט ער אָנגעהויבען מורא צו קריגען און האָט מיט זיין חריפות צוריק געשטעלט דעם מגיד'ס אויפטהו, און דער מגיד האָט פון דעם אַ שטאַרקע הנאה געהאַט, און האָט צו זיי געזאָגט: „איהר ברויכט וויסען אַז אַלע חדושים וואָס איך בין מחדש אין לערנען זענען על דרך האמת, און עס געפונט זיך נישט אין זיי איין נקודה וואָס איז נישט אמת, און דער וואָס ערלויבט זיך סותר צו זיין אפילו איין אות פון מיינע ווערטער, בלייבט איבער פון וואָרט אמת נאָר די אותיות מת רחמנא ליצלן, דאַרום האָט איהר געהאַט סיעתא דשמיא וואָס איהר האָט צוריק פערענטפערט מיין חדוש אין לערנען.

נאָכדעם האָט דער הייליגער מגיד געפרעגט רבי דוד'ל לעלאָווער אויב ער קאָן לערנען, און ער האָט איהם געענטפערט מיט שמייכעל און פערוואונדערונג: „איך זאָל קאָנען לערנען, איך בין נישט קיין בן תורה". ענטפערט איהם דער מגיד: „איהר לערנט דאָך אַ ודאי גמרא אָדער מדרש אָדער זוהר, זאָגט מיר עפעס אַ אויפטהו", ר' דוד'ל האָט זיך אויף דעם זעהר געוואונדערט, ווען ער האָט איהם געזאָגט אַז

ער

ער איז קיין בן תורה נישט הייסט ער איהם זאָגען חדושים אין גמרא מדרש ווי נאָך אין היילינגען זוהר. דער מגיד זאָגט צו איהם ווייטער „אַלץ ווייסט איהר דאָך עפּעס אַ מעשה, ערצעהלט מיר די מעשה וואָס איהר ווייסט". ר' דוד'ל האָט איהם ערצעהלט אַ מעשה און ווי ער האָט די מעשה געענדיגט, זאָגט צו איהם דער מגיד: „אייערע געדאַנקען זאָלען אַזוי בערוהיגט ווערען ווי איהר האָט איצט מיינע געדאַנקען בערוהיגט. ס'איז שוין אַ לאַנגע צייט וואָס ס'איז מיר שווער אַ אָרט אין תקוני זוהר, און מיט די מעשה איז עס מיר פֿערענטפֿערט געוואָרען". הערענדיג דאָס האָט דער יוד הקדוש געזאָגט דעם מגיד „איך וועל אייך זאָגען דעם חילוק וואָס איז צווישען אונז ביידע. איך בין געקומען פֿון תורה צו יראה, און מיין חבר ר' דוד איז געקומען פֿון יראה צו תורה".

דער טאָמאַשאָווער רבי ר' יהושע זכרונו לברכה, האָט ערצעהלט פֿאַר דעם היילינגען גאון רבי יהודה ליב זאַקילקאָווער, דער מחבר פֿון ספר לקוטי מהרי"ל, „אַז ער איז אַמאָל געוועזין ביי דעם גרויסען רבין ר' אלימלך, און דאַמאָלס זענען דאָרט געוועזין די גאַנצע היילינגע חבריא. דער קאָזניצער מגיד, דער רבי פֿון לובלין, און נאָך גרויסע צדיקים זכותם יגן עלינו. פלוצלינג איז דער רבי ר' אלימלך אַריינגעגאַנגען אין בית המדרש און האָט יעדען בעטראַכט, ער האָט אָנגענומען דעם רבין פֿון לובלינס האַנד און איז מיט איהם געגאַנגען הין און צוריק. איך בין זעהר נייגעריג געוועזן צו הערען זייער שמועס און בין מיר נאָכגעגאַנגען אונטער זיי אויף די שפּיץ נעגעל, און האָב געהערט ווי דער רבי ר' אלימלך זאָגט דעם רבין פֿון לובלין אַז מען דאַרף שטאַרק בעטען אל תשליכנו לעת זקנה. איך האָב דאָס נישט געקאָנט פֿערשטעהן. נאָר ווי דער רבי פֿון לובלין איז אין דעם זעלבען יאָהר וואָס ער איז נסתלק געוואָרען אַרויסגעוואָרפֿען געוואָרען פֿון זיין פֿענסטער, האָב איך איצט פֿערשטאַנען וואָס דער רבי ר' אלימלך האָט איהם דאַמאָלס געזאָגט אַז מען ברויכט בעטען אַל תשליכנו לעת זקנה" (זאָלסט מיך אויף די עלטער נישט אַרויסוואַרפֿען).

ווען דער היילינגער רבי ר' משה סאַמבורער דער ברודער פֿון היילינגען צדיק ר' הירש זידיטשובער זכותם יגן עלינו, איז געפֿאָהרען צום רבין פֿון לובלין מיט זיין ברודער און זיין פֿאָטער. איז ר' הירש קראַנק געוואָרען אין יום כפור אַז זיין ברודער ר' משה איז גענייט געוועזן צו וואַרעמען פֿאַר איהם פֿערשידענע רפואות, און האָט נישט געקאָנט אַריינגעהן אין בית המדרש דאַווענען, און ווי דער לובלינער רבי איז יום כפור אַרויסגעגאַנגען פֿון בית המדרש און איז פֿאַרביי געגאַנגען פֿאַר דעם הויף וואָס ר' הירש איז דאָרט געלינען קראַנק, האָט ער געפֿרעגט רבי משה'ן וואָס זיין קראַנקער ברודער מאַכט. און ער האָט זיך פֿאַר איהם מתנצל געווען אַז ער האָט געמוזט מחלל

זיך.

זײַן דעם יום כפור און איהם אָנוואַרעמען פֿערשײַדענע זאַכען. האָט איהם דער לובלינער רבי נעענטפֿערט: „אַצונד ווײס איך שוין וואָס מיר האָבען הײַנט געהאַט אַזױ אַ הײם דאַווענען, ווײל איהר האָט אָנגעוואַרעמט"

דער זוהן פֿון הײליגען רבי'ן ר' אלכסנדר סענדר זכרונם לברכה שרײַבט אין זײַן קונטרס מגלת סתרים. „ווען מײַן הײליגער פֿאָטער איז געווען בײַ דעם הײליגען רבי'ן פֿון לובלין, האָט ער איהם זעהר שטאַרק אָנגעהאַלטען אַז ער זאָל פֿאַר איהם בעטען רחמים אַז ער זאָל האָבען אַ בן זכר. האָט איהם דער לובלינער רבי געענטפֿערט: „אַז אויב איך זאָל מיך אײַנשפּאַרען אַז די זאָלסט האָבען אַ בן זכר, וועסט די זיכער האָבען, נאָר די וועסט נישט לאַנג לעבען, ווײל די קאָנסט נישט זײַן מיט איהם צוזאַמען אויף די וועלט". און ווי מײַן פֿאָטער האָט אויף דעם אײַנגעווילינגט, האָט ער איהם איבערגעגעבען הײליגע שמות מכוון צו זײַן דאַמאָלם, און ס'איז אַזױ געווען ווי ער האָט געזעהן מיט זײַן רוח הקודש". אויך שרײַבט ער אין די הקדמה פֿון ספר זכרון דברים, אַז דער הײליגער רבי פֿון לובלין האָט געזאָגט אויף זײַן פֿאָטער אַז ער איז פֿון די ל"ו צדיקים. אין די הקדמה פֿון ספר זוהר חי שרײַבט דער זוהן פֿון הײליגען צדיק רבי אייזיקל קאָמאַרנער זכרונו לברכה: „דער רבי פֿון לובלין איז געווען דער שדכן פֿון מײַן מאַמע הרבנית הצדיקת מרת גיטל תחי', די טאָכטער פֿון צדיק רבי אברהם מרדכי פּינטשאָווער מיט מײַן הײליגען טאַטען זכרונו לברכה, און דער לובלינער רבי דאָט געזאָגט צו מײַן הײליגען זײדען: „חאָטש די ביסט מעהר מיוחס פֿאַר דעם קאָמאַרנער רב ר' אלכסנדר סענדר, פֿונדעסטוועגען זאָג איך דיר אַז די זאָלסט בײַך משדך זײַן מיט דעם קינד, איך זעה אַז דער חתן וועט פֿערשײַנען די גאַנצע וועלט". און ווי מײַן זײדע האָט דאָס געהערט איז ער אויף דעם שדוך באַלד מרוצה געוואָרען און די תנאים זענען געווען אין די שטאָדט פּינטשוב, און ער איז דאָרט געזיצען פֿערמאַכט דרײַ יאָהר און האָט נאָר עוסק געווען אין תורה נגלה און נסתר אויך אין גרויסע אונגעהויערע סגופים. אין אָנהײב האָט ער דאָרט געלערנט מיט זײַנס אַ חבר, און דער חבר האָט מיר טאַקי ערצעהלט פֿון דעם רוח הקודש וואָס ער האָט אין איהם אָפֿט געזעהן און פּועל אותות ומופתים וואָס ער האָט בעוויזען אין פּינטשוב, און דאָס אַלץ איז געווען זעהר אין געהײם, און ער האָט פֿון דעם חבר גענומען תקיעת כף אַז ער זאָל קײנעם נישט מגלה זײַן וואָס ער זעהט און וואָס ער הערט פֿון איהם".

אין די הקדמה פֿון ספר מאמר מרדכי שרײַבט דער זוהן פֿון מחבר: „מײַן פֿאָטער האָט מיר ערצעהלט אַז ער איז אַמאָל געווען בײַ דעם רבי'ן פֿון לובלין אין די פּרשה בחקותי (וואָס אין איהר שטעהט די תוכחה), און זײַן שטײַגער איז געווען צו שטעהן אונטער דעם רבי'נס

שטוהל

שטוהל און הערען זײַנע פֿײַערדיגע חדושים אין די תורה. דער רבי האט געזאגט אז אין דעם שבת איז גוט צו זײַן אין קאזניץ בײַ דעם הײליגען מגיד ווײַל ער מאכט פֿון די תוכחה בלוים ברכות. און ווי דער מחבר פֿון מאמר מרדכי האט דאס געהערט פֿון זײַן הײליג מויל, איז ער צו פֿוס געגאנגען פֿון לובלין קײן קאזניץ, און ווי דער הײליגער מגיד האט געלײנט אין די ספר תורה, האט ער זיך אנידער געשטעלט פֿאר זײַן פנים און האט מיט גרוים כונה אויסגעהערט ווי די הײליגע ווערטער געהן ארוים מיט גרוים התלהבות פֿון זײַן הײליג מויל, און ווי ער האט אנגעהויבען לײענען די תורה איז זײַן קול וואס אמאל געווארען שטארקער גלײַך די שכינה רעדט ארוים פֿון זײַן האלדז, און בײַ זײַן זאגען דעם פסוק ונתתי את עריכם חרבה (איך וועל ווינסט מאכען אײַערע שטעדט), והשימותי את מקדשיכם, (איך וועל פֿער־ניכטען אײַערע בתי מקדשים), ולא אריח בריח ניחוחכם (און איך וועל נישט שמעקען צו אײַערע קרבנות), האט ער געזאגט מיט דעם לשון: „אבינו שבשמים, הלואי זאלען מיר זיך שוין געפֿונען אין די צײַט" און ווי ער האט דאס פֿון איהם געהערט איז איהם אויף דעם פסוק אײַנגעפֿאלען לכל הפתות הונדערט פּירושים".

דער טעם וואס דער הײליגער צדיק ר' אורי רופֿט זיך מיט דעם נאמען „שרף". ווײַל אין דעם דארף וואס איז געווען געבען איהם האט געוואוינט א אלטער מאן ר' אײַזיק וואס איז שטענדיג אויף ראש השנה געפֿאהרען צום רבין פֿון לובלין, און ווי דער צדיק ר' אורי סטרעליסקער איז נתפרסם געווארען איז ער בײַ איהם געווען יעדען ראש חודש אלול אײדער ער איז געפֿאהרען נאך לובלין. און דער סטרעליסקער רבי האט זיך נוהג געווען געהענדיג היין צוריק אין זײַן בית המדרש צו בעטראכטען זײַנע מענשען, און דער אלטער ר' אײַזיק האט געפֿלעגט שטעהן און קוקען אויף דעם צדיק מיט א פֿײַערדיגע אהבה גלײַך ער וואלט געקוקט אויף א מלאך, און איהם האט זיך געדאכט אז ער זעהט זײַן הײליגע צורה פֿון פֿארנט און פֿון אונטען, סײַ ער קומט צו איהם צו און סײַ ער געהט פֿון איהם אוועק, ער האט זיך אויף דעם זעהר געוואונדערט, נאר ער האט דאס מורא געהאט איהם צו פֿרעגען און ער האט בײַ זיך בעשלאסען צו פֿרעגען דאס ראש השנה בײַ דעם רבין אין לובלין, נאר ווי ער איז געקומען אויף ראש השנה נאך לובלין האט ער אין דעם פֿער־געסען. נאך יום טוב איז ער אַרײַנגעגאנגען צום לובלינער רבין זיך געזעגענען, האט איהם דער רבי געזאגט: „איהר זענט דאך נאהנט צו סטרעליסק, וועט איהר אהײם פֿאהרען זאלט איהר איהם גריסען פֿאר מיר און איהם זאגען אז איך ווײס אז ער האט צוויי פנים". ווי דער ר' אײַזיק האט דאס געהערט האט ער געציטערט פֿון שרעק און האט איהם געענטפֿערט: „רבי, ס'איז אמת. איך האב דאס אלײן

געזעהען

נעזעהן מיט מײַנע אויגען, און איך האָב דאָס אין זינען געהאַט בײַ אייך צו פרעגען". דער לובלינער רבי זאָגט צו איהם: „שווײַג, איך ווייס, איך ווייס, זאָג איהם דאָס וואָס איך האָב דיך געהייסען". ר' אייזיק קומענדיג נאָך סטרעליסק האָט ער מקיים געווען זײַן שליחות און האָט איהם איבערגעגעבען דעם לובלינער רבינס ווערטער האָט ער איהם נעענטפערט: „ניט צוויי נאָר פיער פנים'ער האָב איך אַזוי ווי עס שטעהט (בײַ דעם ברענענדיגען מלאך) וארבעה פנים לאחת (יעדער שרף האָט פיער פנים'ער)", דאַדורך האָט איהם די וועלט גערופען שרף.

אין די מלחמה פון ערשטען נאַפּאָלעאָן האָט דער רבי ר' מענדעלי ריטמינאָווער איהם געוואָלט מאַכען פאַר גוג ומגוג, און האָט שטאַרק מתפלל געוועזין אַז ער זאָל די מלחמה מנצח זײַן כדי עס זאָל קומען די גאולה, ער האָט געזאָגט, אַז לויט זײַן מיינונג איז בעסער אַז עס זאָל פערגאָסען ווערען יודיש בלוט, און פון פריסטיק ביז רימאַנאָוו זאָל מען געהן ביז צום דיך אין יודיש בלוט, אַבי עס זאָל שוין קומען די גאולה.

אָבער די צוויי צדיקים דער קאָזניצער מגיד און דער רבי פון לובלין האָבען אויף דעם ניט מסכים געוועזין, און זיי האָבען גע-בעטען אַז נאַפּאָלעאָן זאָל פאַלען אין די מלחמה, ווײַל זיי האָבען גע-זעהן מיט זייער רוח הקודש אַז ס'איז נאָך ניט געקומען די צײַט פון די ריכטיגע גאולה. און מען ערצעהלט אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיך פערשטעלט ווי אַ פראָסטער מענש און פערבײַגעהענדיג אין יענעם געגענד איז ער אַרײַן צום קאָזניצער מגיד, און ווי ער איז פון איהם אַרויס נעגאַנגען, האָט ער גענומען די מגלה און האָט איהם נאָכגעשריגען נפול תפול, נאַפּאָלעאָן תפול (די וועסט נאַפּאָלעאָן פאַלען).

ווען דער רבי ר' צבי אלימלך פון דינוב איז נאָך געוועזין אַ יונגער-מאַן איז ער צו פוס נעגאַנגען צום רבין פון לובלין. אין מיטען וועג האָט ער בעגעגענט אַ קאַרעטע געשפאַנט מיט פיער פערד אין אינווענדיג איז געזיצען אַ רײַכער מאַן, און ער האָט איהם געפרעגט וויער געהט האָט ער איהם נעענטפערט צום רבין פון לובלין. זאָגט איהם דער רײַכער מאַן אַז ער פאָהרט אויך אַהין צום רבין, און ער האָט איהם אַרײַנ-געבעטען אין די קאַרעטע אַרײַן. ווי ער איז מיט איהם געזיצען אין די קאַרעטע, האָט איהם דער עשיר געגעבען אַ ביסעל בראָנפען מיט אַ האָניגקוכעל און ער האָט איהם מיט דעם פשוט מחיה געוועזין ווײַל ער איז געוועזין זעהר הונגעריג. ער האָט איהם בעדאַנקט און צו איהם געזאָגט: „ווײַל איהר האָט מיך דערקוויקט און אונטערגעלעהנט מײַן שוואַך הערץ, וועל איך פאַר אייך זײַן אַ מליץ טוב בײַ דעם הייליגען רבין פון לובלין".

הערענדיג דאָס פון איהם האָט דער רײַכער מאַן זיך געלאַכט

טראַכטענדיג

טראכטענדיג אַז ער איז בײַ דעם רבין בעוואוסט פֿאַר אַ גרויסען גביר ברויכט ער נישט אַז אַזוי אַ אָרעמער ייִד זאָל דאָרט זײַן פֿאַר איהם אַ מליץ. ווי זיי זענען בײדע מיט די קוויטלעך אַרײַנגעקומען נאָך לובלין האָבען זיי זיך צושייד, דער איז געגאַנגען אין זײַן רייכע אכסניא אַרײַן און דער אין זײַן אָרעמע אכסניא. דער רבי ר' צבי אלימלך איז גע־גאַנגען צום רבין פֿון לובלין, און שפּעטער אין אייניגע שעה אַרום איז דער גביר אַהין געקומען, ווי ער איז אַרײַנגעקומען האָט ער גע־זעהן אַז די טהיר פֿון רבינ'ס חדר איז פֿערשלאָסען און ווי ערשטוינט איז ער געבליבען זעהענדיג דורך דעם לאָך פֿון שלאָס, אַז דער רבי זיצט און פֿערברענגט זײַן טײַערע צײַט מיט דעם זעלבען אָרעמען ייד וואָס ער האָט איהם מיטגענומען אין זײַן קאַרעטע.

דער רבי האָט פּלוצלינג געעפֿענט די טהיר, דער גביר איז אַרײַנגעגאַנגען און האָט דעם רבין געגעבען אַ קוויטעל מיט אַ פּדיון, און דער גביר האָט לא עלינו נישט געהאַט קיין קינדער. און ווי דער רבי האָט דורכגעקוקט דאָס קוויטעל האָט ער דערפֿרייט דעם גביר'ס הערץ מיט אַ גוטע בשורה, אַז ער זעהט אין קוויטעל דאָס ער וועט האָבען קינדער. נאָר ווי דער גביר איז געוואָרען פֿרייליך, ניעט דער רבי אַ קרעכץ און זאָגט אַז דאָס איז אָבער אָהן אריכת ימים. דער גביר האָט אָנגעהויבען ציטערן און איז שווער נישט געפֿאַלען אין חלשות פֿון גרוים צער און עגמת נפש.

דער גביר האָט אַ ווינק געטהון צו דעם אָרעמאַן ר' צבי אלימלך אַז ער זאָל איהם טהון אַ טובה. ר' צבי אלימלך האָט געבעטען דעם רבין אַז ער זאָל נאָך אַמאָל לעזען דאָס קוויטעל, און ער האָט נאָך אַמאָל געלעזען דאָס קוויטעל און האָט ווידער דעם זעלבען ענטפֿער געגעבען. ער האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל דאָס דריטע מאָל לעזען דאָס קוויטעל, און ער האָט עס צום דריטען מאָל געלעזען און צום דריטען מאָל געגעבען דעם אייגענעם ענטפֿער. רופֿט זיך ר' צבי אלימלך אָן צום רבין: „ווען אַזוי קאָנט איהר דאָך מתפלל זײַן אַז ער זאָל האָבען קינדער וואָס וועלען לאַנג לעבען". דער רבי האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנד אויף ר' צבי אלימלך'ס אַקסעל זאָגענדיג: „האָסט מיך טײַערער מחיה געווען מיט דײַנע ווערטער און די האָסט מיר אַ נײַעם וועג געעפֿענט. ער וועט שוין האָבען קינדער וואָס וועלען לאַנג לעבען". און די ברכה איז באמת מקוים געוואָרען.

דער הייליגער גאון רבי חיים האַלבערשטאַם זכרונו לברכה פֿון צאַנז פֿלעגט ערצעהלען, אַז ווען ער איז אַלט געווען צעהן יאָהר איז ער געוועזען בײַ דעם הייליגען רבין פֿון לובלין, און ווי ער האָט איהם דערזעהן. האָט ער געזאָגט אַז ער האָט פֿון איהם אַגרויסע הנאה און פֿיעל נחת זעהענדיג אַז ער וועט זײַן אַ מנהיג הדור.

דער

דער גרויסער צדיק רבי הירשעלע זידיטשאָווער זכרונו לברכה האָט זיך בעשיצט אונטער דעם הייליגען פאָהן פון דעם רבין פון לובלין זכותו יגן עלינו. איינמאָל ווינטער אין זעהר אַ שטאַרקע פראָסט איז אַריינגעקומען צו רבי הירשעלען אַ שליח מצוה וואָס איז אַרום=געפאָהרען צו זאַמענקלויבען געלד פאַר אָבגעקומענע מענשען, און דער שליח איז געוועזין אַגרויסער מופלג און אַ אמת'ער ירא שמים, און ער האָט גענעכטיגט ביי ר' הירשעל'ען אין שטוב.

ווי דער שליח האָט געזעהן ר' הירשעלעס התנהגות, מיט וואָס פאַר אַ שרעקליך התלהבות ער רעכט אָב חצות און זיין פייערדיג דאַווענען לויט די וועגען און הייליגע סודות וואָס דער בעל שם טוב האָט מגלה געוועזין. האָט דער שליח אָנגעהויבען מיט איהם צו שמועסען אין הייליגע ענינים. און האָט איהם ערצעהלט דאָס גרויסקייט פון זיין הייליגען רבין פון מעזיבוז זכותו יגן עלינו.

דער הייליגער ר' הירשעלע האָט אָנגעהויבען רחמנות צו קריגען אויף דעם שליח וואָס קלעטערט אַרום אין דעם שוועהרען ווינטער פון איין שטאָדט אין די צווייטע צוזאַמען מאַכען אַ ביסעל געלד, און האָט איהם געהייסען אַז ער זאָל ביי איהם זיצען דעם גאַנצען ווינטער, און ער וועט אַליין אַרומפאָהרען אין יענעם געגענד און וועט איהם מאַכען אין איינינע טעג אַזוי פיעל געלד וואָס ער האָט געמוזט צוזאַמענקלויבען דעם גאַנצען ווינטער. און דער שליח איז אויף דעם בעשטאַנען און איז דעם גאַנצען ווינטער געזיצען ביי ר' הירשעל'ען, און האָט איהם זעהר מפציר געוועזין אַז ער זאָל פאָהרען צום מעזיבוזען רבין, נאָר ר' הירשעלע האָט איהם דאָס אָבגעזאָגט, און צום סוף האָט ער איהם צוגעזאָגט אַז ער וועט פרעגען דעם הייליגען רבין פון לובלין אויב ער ערלויבט איהם צו פאָהרען נאָך מעזיבוז.

אין אַ צייט אַרום איז דעם הייליגען רבין פון לובלין איינגעפאַלען צו פאָהרען נאָך מעזיבוז זעהן די התנהגות פון הייליגען בעל שם טוב'ס איינִיקעל. ער האָט געזאָגט זיין תלמיד ר' הירשעלע אַז ער זאָל פריהער פאָהרען נאָך מעזיבוז און זעהן זיינע התנהגות, נאָכדעם זאָל ער איהם זאָגען אויב ער זאָל אויך אַהין פאָהרען.

ר' הירשעלע איז פון דעם זעהר צופריעדען געוועזין און איז גע=פאָהרען נאָך מעזיבוז מיט זיין ידיד דער גרויסער חסיד רבי יהודה גרשון ראַדזילער זכרונו לברכה, און זיינען אַריינגעקומען אין שטעדטעל אויף אַ יומא דפגרא, און זיינען געגאַנגען צו די סעודת מצוה צום רבין, און ווי דער רבי האָט דערזעהן ר' הירשעל'ען האָט ער איהם זעהר שעהן צוגענומען, און דער פריהעריגער שליח מצוה איז אַריינ=געלאָפען מיט אַ פלאַש בראָנפען, און זיי האָבען צוזאַמען געטרונקען לחיים מיט גרויס שמחה.

די גאנצע צייט וואס רבי הירשעלע זידיטשאווער איז געוועזן ביי דעם מעזיבזער רבין, האט ער זיך שטארק מתבונן געוועזן אויף אלע זיינע מנהגים און תהלוכות און האט געזעהן אז זיי זענען למעלה מן השכל, און די אהבה וואס דער רבי האט צום אייבערשטען איז באמת אהן א שעור און אהן א ערך. אויך האט ער געהערט נפלאות ווי דער רבי האט געזאגט ערב שבת נאך די מקוה שיר השירים, מיט אזוי א אומנאטירליך התלהבות פשוט ווי א אמת'ער מלאך אלקים. און די גרויסע מקובלים האבען אויף איהם געזאגט אז ער האט געהאט א ניצוץ פון שלמה המלך עליו השלום, דאדורך ווען ער האט געזאגט שיר השירים האט די קדושה אין איהם געברענט ווי א פייער און ווען ער האט געזאגט שיר השירים האט מען קיינעם נישט אריינגע=לאזט צו איהם אין חדר איבער צוויי טעמים, איין טעם איז ער זאל חס ושלום נישט מבולבל ווערען איין רגע. און דער צווייטער טעם איז וויל מיט זיין פייערדיג התלהבות האט ער געקאנט יענעם קראנק מאכען, ארויסגעטענדיג יענעם פון גשמיות, און דער וואס איז נישט ראוי צו דעם קאן גאנץ לייכט דאס לעבען פערלירען.

ווי רבי הירשעלע האט פון דעם געהערט, האט ער ביי זיך גע=טראכט אז ער וועט זיך בעהאלטען אין זיין חדר און צוזעהן דאס התלהבות פון רבין ביי שיר השירים זאגען. און ער האט זיך צוזאמען מיט ר' יהודה גרשון'ן בעהאלטען אונטער די פיער מלבושים וואס האבען געהאנגען אין רבינס חדר און זענען געשטאנען שטיל רוהיג מ'זאל זיי נישט בעמערקען. און ווי דער רבי האט אנגעהויבען צו זאגען שיר השירים מיט זיין שרעקליך התלהבות, האט ר' יהודה גרשון געזאגט צו ר' הירשעל'ען אז ער קאן דאס נישט הערען און עס שווינדעלט איהם דער קאפ פון גרויס התלהבות, נאר ר' הירשעלע האט איהם געבעטען אז ער זאל זיך איינהאלטען און שטעהן רוהיג. און ווי דער רבי איז געקומען צום פסוק ודגלו עלי אהבה סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני, האט מען ממש גע=זעהן ווי עס ברענט אונטער איהם א פייער, און ר' יהודה גרשון איז ארויסגעלאפען מיט א אונגעהויערע שרעק.

און ווי דער רבי האט דערהערט דעם קלאפ פון די טהיר, האט ער זיך אומגעקוקט און געזעהן אז ר' הירשעלע שטעהט דארט אין חדר און ער האט איהם געוויזען א פריינדליך פנים, און האט איהם געלאזט דארט שטעהן, און האט ווייטער זיך צוגעהערט די קולות און לפידים פון רבינס זאגען דעם שיר השירים, און ווי ער האט געזאגט דעם פסוק אני לדודי ועלי תשוקתו, האט ר' הירשעלע שוין נישט גע=האט קיין כח דאס צופערטראגען, נאר ער האט געטראכט זיך מוסר נפש צו זיין און ווייטער שטעהן און הערען די געטליכע ווערטער, וואס נאר אויפ'ן בארג סיני האט מען אזעלכעס געהערט. דאמאלס

זענען

זענען ר' הירשעלעס כחות געשטארקט געוואָרען, און האָט געזעהן ווי דער רבי שטעהט אין איין פלאַם פייער זאָגענדיג דעם פסוק כי עזה כמות אהבה וגו' רשפיה רשפי אש שלהבתיה. דאַמאָלס האָט ר' הירשעלע גערעכענט אַז ער איז שוין בטל במציאות געוואָרען, נאָר דער בורא יתברך איז איהם געוועזען צו הילף ביז ער האָט דעם שיר השירים געענדיגט.

ווי ר' הירשעלע האָט שוין געהאַלטען ביי דעם אַהיימפאָהרען און איז אַריינגעגאַנגען צום רבין זיך געזעגענען, האָט ער איהם געזאָגט אַז זיין רבי פון לובלין האָט איהם געהייסען פרעגען אויב ער קאָן קומען צו איהם צו פאָהרען, ווייל דער לובלינער רבי האָט מורא געהאַט אַז ער זאָל נישט אַבשוואַכען איהם, ווייל דער מעזיבוזער רבי איז געוועזען אַ ברענענדיגער מלאך אלקים, און די מינדעסטע זאַך האָט איהם געקאָנט שטערען, ער האָט איהם מיט שמחה געענטפערט: „זאָל דער לובלינער בעל רוח הקודש קומען און מיר וועלען זיך צוזאַמענשמועסען אין חסידות". ר' הירשעלע האָט זיך געזעגענט און האָט געזאָגט אַז ער וועט מיט'ן רבין פון לובלין מיט קומען.

רבי הירשעלע זידיטשאָווער איז צוריק אַהיים געפאָהרען צום רבין פון לובלין, און ער האָט איהם ערצעהלט די וואונדערליכע מעשים וואָס ער האָט פון מעזיבוזען רבין געזעהן. און די אַלע נפלאות און מופתים וואָס די וועלט ערצעהלט פון איהם זענען קוים אַ קליינער טייל פון זיינע אומנאַטירליכע וואונדער. אין אַ פאָר טאָג אַרום איז דער רבי פון לובלין געפאָהרען מיט ר' הירשעלען נאָך מעזיבוז, און דער רבי האָט איהם אָנגעטהון פיעל כבוד, ערב שבת איז דער מעזיבוזער רבי געפאָהרען אין קאַרעטע מיט'ן לובלינער רבין צום טייך זיך טובל זיין, זיצענדיג אין די קאַרעטע האָט דער מעזיבוזער רבי מיחד געוועזען זעהר שרעקליכע יחודים, און האָט געפרובט דעם רבין פון לובלין אויב ער בעמערקט דאָס. און ווי זיי זענען אַריינגעקומען אין פעלד, האָט דער מעזיבוזער איהם געפרעגט וואָס ער פיהלט דאָרט, האָט ער איהם געענטפערט דעם לופט פון ארץ ישראל (וואָס די גמרא זאָגט אַז דער אויר פון ארץ ישראל מאַכט קלוג. ב"ב קנ"ח ע"ב) ווי זיי זענען ווייטער געפאָהרען האָט ער איהם ווידער געפרעגט וואָס ער פיהלט, און ער האָט איהם געענטפערט דעם בית המקדש. און ווען זיי האָבען זיך טובל געוועזען אין טייך האָט ער איהם געפרעגט וואָס ער פיהלט, האָט ער איהם געענטפערט אַז ער פיהלט דעם טייך אַפרסמון (באַלזאַם. וואָס איז אויף יענע וועלט פאַר די צדיקים). און דער מעזיבוזער האָט זיך זעהר געפרייד הערענדיג אַז דער רבי פון לובלין זעהט ריכטיג מיט זיין רוח הקודש.

שבת ביי נאַכט איז זיך דער מעזיבוזער רבי געזיצען ביי זיין הייליגען טיש מיט זיינע זוהן און טעכטער אַזוי ווי זיין מנהג איז

געוועזן

געוועזין. און האט מיט זיי גערעדט פערשידענע וועלט זאכען, און אזוי ווי דער רבי פון לובלין איז נישט געוואוינט געווען מיט אזאלכעס האט דאס איהם א ביסעל געארט אויף דעם מעזיבזער רבין, און ווי דער מעזיבזער האט דאס בעמערקט האט ער געזאגט. „עס שטעהט אין די זמירות טהורים ירשוה ויקדשוה במאמר כל אשר עשה (ריינע אידען ירש'ענען דעם שבת און הייליגען איהם מיט'ן מאמר פון פסוק כל אשר עשה), דאס הייסט, אז די וואס זענען געבוירען געווארען ריין פון זייערע מוטערס לייב, פערהייליגען דעם שבת מיט אלע זייערע ווערטער, און זיי זענען ממשיך א קדושה אין אלע זייערע ענינים, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגען אויפ'ן פסוק ועלהו לא יבול (זיין בלאט ווערט נישט פערפוילט) איז דער שיחות חולין פון תלמידי חכמים".

צו מארגענס זונטאג איז געוועזין א ברית מילה איז מעזיבוז, און דער בעל ברית האט מכבד געוועזין דעם מעזיבזער רבין מיט סנדקאות און דעם רבין פון לובלין מיט מוהל=שאפט. און ווי דער מעזיבזער רבי איז געקומען אויפ'ן ברית איז שוין דער רבי פון לובלין דארט געווען אנגעטהון בגדי שבת און דאס שבת'דיגע שטריימעל. און דער מעזיבזער פלעגט קומען אויף א ברית אין די וואכעדיגע קליידער, און דאס האט איהם גע'ארט וואס דער לובלינער רבי איז זיך א מתנהג ברבנות אין זיין שטאדט ווי נאך טרעפענדיג זיך מיט איהם אין איין שטוב דער מעזיבזער רבי האט דאס קינד אליין מלה געוועזין און האט דעם רבין פון לובלין נישט צו געלאזט נישט צו חתוך און נישט צו פריעה דער רבי פון לובלין איז פערשעמט געווארען און איז אהיים געגאנגען אויף זיין אכסניא און האט געהייסען שפאנען די פוהר, און ער מיט זיין תלמיד ר' הירשעלע זענען שנעל ארויסגעפאהרען פון שטאדט, און פאהרענדיג זענען זיי אריין אין א טיעף וואסער, און זיי זענען געוועזין אין א גרויסע סכנה, און ווען דער רבי פון לובלין זאל דאמאלס נישט דערמאנען דעם זכות פון זיין הייליגען רבין ר' אלימלך וואס ער האט איהם משמש געוועזין וואלטען זיי דערטרונקען געווארען.

עס איז נאכדעם אוועק געגאנגען פיעל טעג און ר' הירשעלע זידיטשאווער האט נישט געקאנט פערגעסען דאס הייליגקייט פון מעזיבזער רבין און זיין התלהבות צו אידישקייט, און נאך מעהר האט אויף איהם געווירקט די קולות און די לפידים וואס ער האט פון איהם געהערט און געזעהן זאגענדיג דעם שיר השירים, דאדורך האט ער געקלערט אבצוטרעטען פון רבין פון לובלין און אנהייבען פאהרען נאך מעזיבוז, נאר ער האט מורא געהאט אז דאס זאל נישט עפעס אויס= זעהן ווי פערשעמט דעם רבין פון לובלין גלייך דער מעזיבזער רבי געפעלט איהם בעסער פאר איהם. און ער האט געפונען א עצה צו פאהרען נאך אמאל נאך לובלין און בעטען אז ער זאל איהם געבען רשות צו פאהרען נאך מעזיבוז.

ווי רבי הירשעלע זידיטשאווער איז געקומען נאך לובלין און האט נאר איבערגעטרעטען דעם רבינ'ס שוועל, האט דער רבי צו איהם געזאגט: „די ליעבער תלמיד קלעהרסט מיך צו פערלאזען, חלילה. די זאלסט נישט פערלעשען דיין אהבה צו מיר" רבי הירשעלע האט איהם מיט תמימות געענטפערט: „וואס קאן איך טהון אז אין מיין הערץ ברענט א חשק צו לערנען זיך עבודת השם יתברך פון מעזיבוזער צדיק און עס ציהט מיך אהין צו איהם". דער רבי האט איהם וויפיעל מאל דאס זעלבע געבעטען, און האט איהם צום סוף געווארענט אז אויב ער וועט אויפהערען צו פאהרען צו איהם, וועט ער איהם צוריק נעמען אלע השגות און אלע מדרגות וואס ער האט פון איהם מקבל געוועזין. און דאס האט אויך נישט געהאלפען און ער האט נישט געקאנט פערטרייבען זיין חשק צו פאהרען נאך מעזיבוז. זעהענדיג דאס האט דער רבי צו איהם געזאגט מיט פייער: „איך בין דיר מבטיח אז די וועסט אין מעזיבוז קיין נייע מדרגות נישט צו קריגען, און ווען איך וועל פון דיר צו נעמען די השגות און מדרגות וואס איך האב זיי דיר געגעבען, וועסט די ווערען א פראסטער מענש". די ווערטער האבען ר' הירשעל'ען אנגעמאכט זעהר א שטארקע מורא, און האט אויף זיך מקבל געוועזין נישט צו פאהרען מעהר נאך מעזיבוז און זיין ווייטער דבוק אין דעם הייליגען רבין פון לובלין זכותו יגן עלינו, און האט פון איהם צו געקריגען נייע מדרגות און פרישע השגות אין קדושה, וואס ער האט מיט זיי פיעל יודישע נשמות בעפרייט פון גיהנם.

דער הייליגער רבי אלימלך זכותו יגן עלינו פלעגט זאגען אז דאס נארען אין יודישקייט איז זעהר אגרויסע סכנה. און עס האט אמאל פאסירט מיט'ן הייליגען רבין פון לובלין וואס איז געפאהרען נאך ליזענסק צום רבין ר' אלימלך, און ווי ער איז דורכגעפאהרען א שטאדט האט ער געהערט אז דארט געפונט זיך עפעס אגרויסער צדיק, ער איז צו איהם אהיים געגאנגען און האט געזעהן ווי ער ברענט אין גאנצען אין א הייליג פייער און אלע זיינע תהלוכות זענען מיט אזוי א גרויס התלהבות וואס ער האט נאך נישט אזוינס געהערט און געזעהן.

דער רבי פון לובלין האט ביי זיך בעשלאסען צו פערבלייבען דארט א שבת כדי ער זאל איהם גוט חוקר ודורש זיין. און ער האט זיך טאקי פיזסט איבערצייגט אז ער איז באמת א קדוש וטהור וואס עס קאן נישט געבען העכער, און ער האט מפליא געווען זיין התלהבות ביי תורה און ביי תפלה. נאר ווי דער רבי האט איהם געפרעגט אויב ער האט עפעס משמש געוועזין איינעם פון די צדיקים, האט ער איהם געענטפערט ניין. און דאס איז ביי דעם רבין זעהר קשה געוועזין, וויל ער האט זעהר גוט געוויסט אז די חסידישע וועגען קאן מען נישט אליין מכוון זיין, נאר מען מוז זיי מקבל זיין פון א צדיק וואס ער האט זיי אויך מקבל געוועזין פון א פריהערינען צדיק איינער פון צווייטען ביז דעם הייליגען בעל שם טוב.

דער

דער רבי פון לובלין זאגט צו דעם צדיק, אז ער וויל מיט איהם צו זאמען פאהרען נאך ליזענסק צום רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו, און ער האט איהם ערקלעהרט וואס די הייליגע חכמים זענען אזוי מפליג אין דעם שבח פון דעם וואס ער איז משמש תלמידי חכמים דער צדיק האט איהם געבעטען אז ער זאל ביי איהם זיצען נאך איין שבת, און נאכדעם וועט ער מיט איהם פאהרען צום רבין ר' אלימלך נאך ליזענסק. דער רבי האט איינגעוויליגט צו זיצען ביי איהם נאך איין שבת, ווייל ער האט פון איהם באמת געזעהן זעהר גרויסע און הייליגע מדרגות, און האט זיך אויך געפרייד אז ער וועט זיין רבי'ן ברענגען אזוי א הייליגען חסיד.

נאך שבת זענען די צוויי צדיקים צוזאמען געפאהרען נאך ליזענסק און דער צדיק האט זעהר געבעטען דעם רבין פון לובלין אז ער זאל איהם ממליץ זיין פאר דעם רבין ר' אלימלך, און דער לובלינער רבי האט איהם דאס צוגעזאגט. דער רבי ר' אלימלך פלעגט זיך שטענדיג נוהג זיין אז אזוי ווי דער רבי פון לובלין פלעגט עפענען די טהיר, איז ער איהם אקעגען געלאפען מיט שמחה און האט איהם שלום גע-געבען, נאר דאס מאל ווי ער איז אריינגעקומען מיט דעם צדיק, האט ער נאר אוועקגעבויגען זיין קאפ און האט איהם א שוואכען שלום געגעבען. דער רבי פון לובלין איז מיט דעם צדיק אהיים געגאנגען זעהר בעטריבט. נאר אין הערץ האט זיך דער רבי פון לובלין בערע-כענט אז דאס איז נישט אזוי גלאטיג, ווייל ער האט ביי זיך געוויסט אז דער רבי ר' אלימלך האט איהם באמת ליעב אהבת נפש, און די אלע מאל וואס ער איז צו איהם געקומען האט ער איהם מקבל פנים געווען מיט א אונגעהויערע שמחה, און נאר דאס מאל האט ער זיך פון איהם מתרחק געווען, אפשר ווייל איהם געפעלט נישט דער פרישער חסיד. דאדורך איז איהם איינגעפאלען אז ער זאל אליין אהין געהן צום רבין געוואר ווערען די סבה פון דעם רוגז.

ווי ער איז נאר אריין אין דעם רבינס חדר איז איהם דער רבי א קעגען געגאנגען מיט גרויס אהבה און האט איהם א בהייטען שלום געגעבען, און האט איהם געזאגט: „וואס האסט די מיר עפעס געברענגט אזוי א מענש וואס איך האב נישט געקאנט קוקען אויף זיין טמא'דיגן פנים". דער לובלינער רבי האט אנגעהויבען צו ציטערען הערענדיג די ווערטער און האט דעם רבין ר' אלימלך ערצעהלט די נפלאות און דעם התלהבות וואס ער האט פון איהם געזעהן, און אז ער האט גערעכענט אז דער רבי וועט מקבל נחת זיין פון אזוי א חסיד.

דער רבי ר' אלימלך האט גוט אויסגעהערט דעם רבין פון לובלינס פערטיידיגונג און האט געשמייכעלט זאגענדיג מיט דעם לשון: „די זאלסט וויסען אז עס געפונט זיך א ארט וואס די חכמי הקבלה רופען

עס

עס קליפת־נגה (אַ קליפּה וואָס וואַרפט פון זיך ליכטיגע שטראַהלען). און אויף דעם אָרט איז אויסגעמישט גוטס און שלעכטס. און אָפּט־מאָל ווען דער מענש הייבט אָן דינען דעם בורא יתברך דורך אַ אונרייניגע אורזאַכע אָדער דורך זיין חשק צו גדלות רחמנא ליצלן. אָדער דורך אַנדערע מחשבות זרות ה' ישמרנו ויצילנו, דאַמאָלס ווען ער נעמט נישט צו זאַמען זיינע כחות אויסצוזייסען דאָס שלעכטס און נישט איבערלאָזען אין זיין הערץ נאָר בלויס גוטס, איז זיין עבודה אויסגע־מישט מיט גוטס און שלעכטס און ער בלאָנדזשעט ווי אַ בלינדער אין די פינסטער, און ער ווייסט נישט אין וואָס ער ווערט געשטראָכעלט אויך פיהלט ער אַליין נישט אויב עס איז דאָ אַ פּניה אין זיין עבודה און די עבודה פון אַזוי אַ מענש קאָן זיין מיט אַזוי אַ התלהבות וואָס מען זעהט עס נישט ביי גרויסע צדיקים, ווייל די קליפה רחמנא ליצלן פערמוגט אויך אַרום זיך אַ אונגעהויער פייער. און דער מענש וואָס די האָסט איהם מיר געבראַכט וואָס די בויסט אַזוי מפליא זיין התלהבות, איז פון אָנהייב ביז דעם סוף בלויס טומאה, און עס געפינט זיך נישט אין זיין עבודה איין האָר יראת שמים, און זיין פייער איז נישט דאָס אמת'ע פייער פון קדושה נאָר אַ אֵש זרה וואָס עס געפינט זיך אויף די אונרייניגע ערטער".

ווי דער רבי פון לובלין האָט דאָס געהערט פון גרויסען רבי'ן ר' אלימלך. וואָס אַלע האָבען געוויסט. אַז אַזוי ווי ער גיעט אַ קוק אויף אַ מענש, ווייסט ער אַלץ וואָס אין איהם געפינט זיך, האָט ער אָנגע־הויבען מורא צו קריגען, און ער איז געגאַנגען צו דעם מענש און האָט איהם גלייך איבערגעגעבען דעם רבינס ווערטער. און ווי דער מענש האָט דאָס געהערט, האָט ער אָנגעהויבען זעהר יאָמערליך צו וויינען, און האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל מיט איהם געהן צום רבי'ן אַז ער זאָל איהם געבען אַ תיקון, ווייל ער וויל באמת דינען דעם אייבערשטען מיט אַ ערליך הערץ.

דער רבי פון לובלין איז גלייך צוריק געגאַנגען צום רבי'ן ר' אלימלך און האָט איהם ערצעהלט דעם מענשענס בקשה. נאָר דער רבי האָט איהם געענטפערט אַז ער קאָן איהם נישט העלפען כל זמן ער איז געפאַנגען אין די פינסטערע טומאה, נאָר ער זאָל פון זיך אַליין אָנהייבען תשובה טהון, ביז דער אין הימעל וועט אויף איהם רחמנות האָבען און איהם מקבל בתשובה זיין.

און ווי דער רבי פון לובלין האָט דעם מענש איבערגעגעבען ריכטיג דעם רבינס ענטפער, האָט ער איהם געקושט מיט טרערען אַז ער זאָל נאָך אַמאָל צוריק געהן צום רבי'ן און איהם זאָגען אַז ער וויל תשובה טהון מיט'ן גאַנצען הערצען, און איז ער דען זינדיגער פאַר אחאב'ן וואָס העלפט איהם שוין קיין תשובה נישט.

דאָס האָט דעם רבי'ן פון לובלין זעהר איבערגענומען און איז

צוריק

צוריק גענאַנגען צום רבּין און האָט איהם ערצעהלט דעם מענשענס ווערטער דער רבּי האָט איהם געענטפערט אַז דער מענש זאָל ווארטען אין ליזענסק בּיז זיין בּרודער דער רבּי ר' זישע וועט קומען און זיי בּיידע וועלען איהם אַרויסהעלפען, ווייל ער אַליין קאָן איהם נישט העלפען. און ער האָט דאָרט זיך אויפגעהאַלטען איינינע חדשים בּיז דער הייליגער רבּי ר' זישע איז געקומען צו פאָהרען, און זיי האָבען איהם געגעבען אַ אמת'ען תיקון פאַר זיין נשמה, און ער איז געוואָרען אַ אמת'ער בּעל תשובה.

ווען דער רבּי פון לובלין איז בּאַלד נאָך זיין חופּה ענטלאָפען געוואָרען צום רבּי ר' אלימלך בּעמערקענדיג אַז דאָס פּנים פון די כלה וואָס זיינע עלטערען האָבען איהם געצווינגען מקדש צו זיין, האָט אַ פּנים פון אַ גויה, איז ער געהענדיג אַריין אין אַ דאָרף, און ער האָט שוין מורא געהאַט ווייטער צו געהן ווייל די זונן האָט שוין געהאַלטען בּיי דעם אונטערגעהן, איז ער דאָרט אַריינגעגאַנגען אין די קרעטשמע איבערנאַכטיגען, און דאָרט האָט געוואוינט אַ יוד. דער בּעל הבּית איז גראַדע דאַמאָלס נישט געווען אין די היים, ער איז מיט זיין ווייב אַוועק געפאָהרען געשעפטליך, און האָט דאָרט איבער געלאָזט זיין טאָכטער זעהר אַ גרויסע יפת תואר.

ווי די טאָכטער האָט דעם רבּין פון לובלין געזעהן האָט זי צו איהם חשק געקריגען, זי האָט איהם געגעבען צו עסען, און האָט פאַר איהם עקסטרע אַיינגעהייצט דעם אויווען, און ער האָט זיך בּאמת דערקוויקט, און האָט גערעכענט אַז זי איז בּאמת אַ אשה כשרה און אַ מכנסת אורחים.

אַזוי ווי ער האָט נאָר אָפּגעגעסען און זי האָט געוויסט אַז נישט לאַנג קומען אָן איהרע עלטערען, האָט זי איהם געבּעטען אַז ער זאָל איהר וואונש ערפילען, און אויב ער וועט איהר דאָס אָבזאָגען וועט זי איהם צו דעם צווינגען, וויסענדיג אַז זי איז שטאַרקער פאַר איהם.

ער האָט זי אָנגעהויבען צו מוסר'ן און איהר ערקלעהרען די גרויסע זינד און דעם גרויסען עונש, און דאָס האָט זי נישט געקאָנט בּערוהיגען, אויך אַלע זיינע תירוצים האָבען נישט געהאָלפען. פּלוצלינג איז איהם איינגעפאַלען אַ עצה און ער האָט איהר געזאָגט אַז ער בּעשטעהט שוין איהר צוליעב צו טהון, נאָר ער מוז פריהער אַרויסגעהן אויפ'ן הויף טהון דאָס מענשליכע געבּרויך און ער קומט גלייך אַריין. זי האָט נישט געהאָרכט און האָט איהם געזאָגט בּפירוש אַז זי איז איהם חושד אַז ער וויל ענטלויפען. ער האָט איהר געזאָגט אַז ער לאָזט איהר איבּער זיינע שטיוועל פאַר אַ משכּון, און זי איז אויף דעם מרוצה געוואָרען. און ער האָט איהר איבּערגעלאָזט זיינע שטיוועל און איז אַרויס אין זיינע בּלויסע זאָקען.

חאָטש די קעלט איז דאַמאָלס געוועזין גרוים האָט ער דאָס פֿערליעב גענומען צו ענטלויפֿען פֿון דאָרט אין די זאָקען, און איבערלאָזען אין די קרעטשמע זיינע שטיוועל און זיינע זאַכען מיט׳ן טלית און תפילין. ער איז אַזוי געגאַנגען אויפ׳ן וועג און איז שעור ניט געפֿרוירען געוואָרען, נאָר מ׳האָט אין הימעל אויף איהם רחמנות געקריגען ווייל ער האָט געקאָנט בײַקומען אַזוי אַ גרויסען נסיון. און מ׳האָט איהם אויפ׳ן וועג צוגעשיקט אַ וואָגען מיט סוחרים וואָס זענען אויך געפֿאָהרען אין דעם זעלבען וועג. און ווי די סוחרים האָבען דערזעהן אַז אַ יוד געהט אין אַזוי אַ קעלט אין די זאָקען, און עס קלאַפּט איהם אײַן צאָהן און צווייטען, האָבען זיי זיך געשטעלט מיט׳ן וואָגען און האָבען איהם אויפֿגענומען, יעדער האָט פֿון זיך עפּעס אַראָבגענומען און איהם אײַנגעהילט ביז ער האָט זיך אַביסעל דערוואַרעמט. זיי האָבען איהם געפֿרעגט ווי קומט דאָס ער זאָל אַליין געהן בײַ נאַכט אין וועג אָהן שטיוועל און אָהן אַ מלבוש, אויך האָבען זיי איהם געפֿרעגט ווי ער האָט געוואָלט געהן, און ער האָט זיי מעהר נישט געוואָלט ענטפֿערן ווי דאָס, אַז ער געהט צום רבין ר׳ אלימלך.

ווי די היציגע פֿרוי האָט געזעהן אַז איהר תאוה איז ניט ערפֿילט געוואָרען, און דער שעהנער יונגערמאַן איז ענטלאָפֿען געוואָרען אין די זאָקען, אויך האָט זי מורא געהאַט אַז אַזוי ווי איהרע עלטערען וועלען אָנקומען און זעהן דאָרט פֿרעמדע זאַכען מיט פֿרעמדע שטיוועל וועלען זיי דאָך איהר זיכער פֿרעגען וואָס איז דאָס אַזוינס. איז איהר אײַנגעפֿאַלען די זעלבע עצה וואָס פּוטיפֿר׳ס ווייב זליכה האָט אויסגעטראַכט אויף יוסף הצדיק.

איהרע פֿאָטער און מוטער זענען פּלוצלינג אַרײַנגעקומען אין שטוב, און זעהענדיג די זאַכען מיט די שטיוועל האָבען זיי טאַקי געפֿרעגט וועמענס זיי זענען. זי האָט פֿאַר זיי געביטערט: „עס איז דאָ אַרײַנגעקומען אַ יודישער יונגערמאַן און זעהענדיג אַז ער איז שרעקליך געפֿרוירען האָב איך אויף איהם רחמנות געקריגען און האָב איהם אײַנגעהייצט די שטוב און איהם געגעבען צו עסען. נאָכדעם האָט ער מיך אָנגעהויבען שרעקליך צו צווינגען אַז איך זאָל זײַן תאוה ערפֿילען, און האָט מיך געוואָלט בכח מאנס זײַן, איך האָב אָנגעהויבען צו מאַכען אומנאַטירליכע געוואַלדען, אַז ער איז אַרויסגעלאָפֿען מיט שרעק איבערלאָזענדיג זײַנע חפצים און זײַנע שטיוועל".

דער בעל הבית איז זעהר אויפֿגערעגט געוואָרען גלייבענדיג אַז זײַנע טאָכטערס ווערטער זענען אמת, און האָט זי געפֿרעגט דורך וועלכען וועג ער איז ענטלאָפֿען. און זי האָט איהם געוויזען דעם וועג. ער האָט זיך גלײַך אויפֿגעזעצט אויף אַ פֿערד און איז שנעל געלאָפֿען ביז ער איז צוגעקומען צו דעם וואָגען ווי דער רבי פֿון לובלין איז

איף

אויף איהם געזיצען מיט די סוחרים, און ער האט זיי געפרעגט אויב זיי האבען נישט געזעהן געהן אויפ'ן וועג א יודישען יונגערמאן אהן שטיוועל.

זיי האבען גלייך אנגעוויזען אויף דעם רבין פון לובלין אז זיי האבען איהם געטראפען געהן אהן שטיוועל. דער בעל הבית האט פערלאנגט אז זיי זאלען איהם אראבווארפען פון דעם וואגען און ער וועט איהם בעשטראפען פאר זיין געמיינע העזה. און ער האט זיי איבערגעגעבען זיינע טאכטער'ס ווערטער.

ווי זיי האבען דאס געהערט האבען זיי איהם מיט בושה אראב= געווארפען פון וואגען, און דער בעל הבית האט איהם אזוי מערדער= ליך אנגעהויבען צו שלאגען, אז די סוחרים האבען מורא געקריגען אז ער זאל איהם נישט טויט לאזען, און האבען איהם צוריק ארויפגעחאפט אויפ'ן וואגען און זענען מיט איהם שנעל אוועקגעפאהרען.

אויפ'ן גאנצען וועג האבען די סוחרים איהם אונגעהויער געזידעלט און געמוסר'ט, און ער האט דאס פערליעב גענומען און זיך נישט פערטיידיגט, נאר ווי זיי זענען געקומען נאהנט צו די שטאדט ליזענסק, און דער הייליגער רבי ר' אלימלך וואס האט דאס אלץ געזעהן פון וויטען מיט זיין רוח הקודש, האט געזאגט צו זיינע תלמידים: „קומט שנעלער אקעגען יוסף הצדיק וואס פאהרט דא צו מיר אהער״.

דער רבי ר' אלימלך איז מיט זיינע תלמידים א קעגען געגאנגען ביז זיי זענען געקומען צו דעם וואגען ווי דער רבי פון לובלין איז געפאהרען מיט די סוחרים. דער לובלינער איז אראבגעגאנגען פון וואגען און איז מיט'ן רבין ר' אלימלך אהיים געגאנגען. ווי די סוחרים האבען דאס געזעהן האבען זיי גלייך פערשטאנען די ריכטיגע מעשה, און זענען אוועקגעפאהרען מיט גרויס עגמת נפש וואס זיי האבען איהם בחנם מ'בייש געוועזען. און דער לובלינער האט זיך גלייך געמאכט זיין ישיבה ביי דעם רבין ר' אלימלך און האט אנגעהויבען צו געהן וואס אמאל העכער אויף די חסידישע מדרגות.

די פרוי וואס האט אויף איהם אויסגעטראכט דעם פאלשען בלבול איז פלוצלינג קראנק געווארען, איהר פאטער האט צו איהר געבראכט די גרעסטע דאקטוירים און זיי האבען איהר גארנישט געקאנט העלפען און ווי ער האט געהערט אז דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק איז א גרויסער בעל מופת, און די אלע נויטבעדארפטיגע וואס קלאפען אן אויף זיין טהיר ווערען דורך איהם געהאלפען, איז ער אויך געפאהרען נאך ליזענסק, און האט דעם רבין ר' אלימלך געגעבען א קוויטעל מיט א פדיון פאר זיינע קראנקע טאכטער.

דער רבי האט איהם געענטפערט אז ער קאן איהם גארנישט העלפען, און האט איהם געהייסען געהן צו דעם יונגערמאן וואס זיצט

און

און לערנט אין קלויז, אז נאר ער קאן איהם העלפען. דער בעל הבית איז גלייך געגאנגען אין דעם קלויז אריין און איז צוגעגאנגען צו דעם יונגערמאן דער רבי פון לובלין, און ווי ער האט איהם דערקאנט אז דאס איז דער זעלבער וואס ער האט איהם שעור צום טויט געהרג'ט, האט ער זיך אבגערוקט מיט שרעק, און האט פערשטאנען אז דאס וואס זיין טאכטער האט אויף איהם געזאגט איז א פאלשער בלבול, און נאר בחנם האט ער איהם אזוי מערדערליך געשלאגען.

זיין הערץ האט איהם אויף דעם זעהר וועה געטהון. נאר זיין רחמנות אויף זיינע קראנקע טאכטער האט איהם מוטה געגעבען צו־צוגעהן צו איהם און איהם איבערבעטען. ער האט פאר איהם געוויינט אז ער זאל איהם מוחל זיין. נאכדעם האט ער געבעטען אז ער זאל אויך מוחל זיין זיינע קראנקע טאכטער און זאל זי בענשען מיט א רפואה שלמה מן השמים, און האט איהם געוואלט גוט בעצאהלען פאר זיין בושה.

דער לובלינער האט איהם געענטפערט אז ער קאן איהם נאר דאמאלס מוחל זיין, אז זי וועט איבעראל ערצעהלען דעם אמת ווי עס איז פארגעפאלען ווען ער איז געוועזן ביי איהר אין שטוב. און ווי באלד זי וויל נישט ערצעהלען דעם אמת פון גרוים בושה, איז ער איהר נישט מוחל, און זי מוז פון די קרענק שטארבען.

דער בעל הבית איז אהיים געפאהרען, און ער האט דארט אלץ ערצעהלט, און זיינע קראנקע טאכטער איז געצוואונגען געווען צו ער־צעהלען יעדען איהר שאנדע. און זי איז געזונד געווארען.

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו איז אמאל גע־פאהרען צום גרויסען מגיד פון מעזריטש זכר צדיק לברכה, האט איהם דער רבי פון לובלין געבעטען אז ער זאל איהם מיטנעמען, און ער האט איהם צוליעב געטהון און איהם מיט גענומען. ווי זיי זענען שבת געזיצען ביי דעם הייליגען טיש, איז דער לובלינער געזיצען וויים פון מגיד הקדוש, ווייל ער איז נאך דאמאלס געוועזין זעהר יונג. דער הייליגער מגיד האט דאמאלס געשמועסט פון די גמרא אין עבודה זרה דף י"ז וואס רבי אליעזר בן דורדיא האט געזאגט אז הימעל און ערד זאלען פאר איהם בעטען רחמים, בערגער און טאהלען זאלען פאר איהם בעטען רחמים, ביז ער האט געזאגט, אז דאס ווענדט זיך נאר אין איהם אליין, האט ער אזוי לאנג געוויינט ביז ער איז גע־שטארבען. איז דאמאלס ארויס א בת קול און געזאגט אז ר' אליעזר בן דורדיא איז מזומן צו עולם הבא. האט רבי געוויינט און געזאגט, עס איז דא ווער עס קויפט זיך עולם הבא אין וויפיעל יאהר און עס איז דא ווער עס קויפט זיך עולם הבא אין איין שעה.

האט ער הייליגער מגיד געפרעגט פאר וואס האט רבי אויף דעם געוויינט אדרבה ער האט זיך נאך נעברויכט פרייען זעהענדיג אז

מ'קאן

מ'קאָן זיך קויפען עולם הבא אין איין שעה. האָט דער מגיד דאָס פֿערענטפֿערט אַז רבי האָט געוויינט וואָס ר' אליעזר איז באַלד געשטאָרבען, ווייל ווען ער וואָלט נאָך געלעבט וואָלט ער זיך געקאָנט קויפען מעהר עולם הבא וויפיעל ער האָט זיך געקויפט אין איין שעה און ווי דער יונגערמאַנטשיק דער רבי פֿון לובלין האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט צו דעם חסיד וואָס איז נעבען איהם געזיצען, אַז ווען דער מגיד וואָלט איהם געגעבען רשות וואָלט ער געזאָגט אַ אַנדערן תירוץ אויף די קשיא וואָס רבי האָט געוויינט. אַזוי האָט עס איבערגעגעבען איינער דעם צווייטען ביז דאָס איז אָנגעקומען צום הייליגען מגיד, און ווי ער האָט דעם לובלינער געגעבען רשות האָט ער געזאָגט אַז רבי האָט זיך באמת געפֿרייט אויף דעם זעהענדיג אַז מען קאָן זיך קויפען עולם הבא אין איין שעה, נאָר ער האָט די שמחה אַרויסגעגעבען מיט געוויין, ווייל די גמרא אין נדרים דף נ' זאָגט, אַז ווען רבי האָט זיך געפֿרייט איז געקומען אַ פּורענית אויף די וועלט, דאַדורך האָט ער מורא געהאַט צו ווייזען אויף דעם אַ שמחה. און ווי דער הייליגער מגיד האָט דאָס געהערט האָט ער געזאָגט: „דער יונגערמאַנטשיק זאָגט בעסער פֿאַר מיר".

עס איז געווען אַ גרויסער חסיד און אַ מופלג בתורה וואָס איז יעדען חודש געפֿאָהרען צום קאָזניצער מגיד, ער זאָל פֿאַר איהם מתפלל זיין אַז ער זאָל נישט שטאַרבען אָהן קינדער. און דער מגיד האָט איהם אויף דעם גאָרנישט געענטפֿערט. יעדעס מאָל וואָס ער איז צוריק אַהיים געקומען מיט גאָרנישט, האָט איהם זיין ווייב געפּייניגט אָהן אויפֿהער אַז ער זאָל פֿון מגיד קריגען אַ ענטפֿער, ווייל עס איז איהר ליעבער דער טויט רחמנא ליצלן ווי צו זיין אַ עקרה, און אפשר וועט זיי דער מגיד הייסען זיי זאָלען זיך בעסער גטין, און זי האָט דעם מאַן צוגעזאָגט אַז זי איז מוכן ומזומן צו טהון אַלץ וואָס דער הייליגער מגיד וועט זי הייסען.

ווי ער איז נאָך אַמאָל געקומען צום מגיד און האָט איהם ערצעהלט אַז ער קאָן שוין נישט פֿערטראָגען די ענויים קשים וואָס זיין ווייב טהוט איהם אָן פֿאַר וואָס ער ברענגט פֿון איהם קיין ענטפֿער נישט און אַז ער האָט ביי זיך בעשלאָסען נישט אַהיים צו פֿאָהרען ביז דער מגיד וועט איהם געבען אַ ריכטיגען ענטפֿער.

ווי ער האָט דעם מגיד אַזוי גענוג געוויזין, האָט ער איהם געענטפֿערט: „ווען די בעשטעהסט צו פֿערלירען דיין גאַנץ געלד. וועסט די האָבען קינדער. נאָר געדענק אַז די וועסט זיין אַ אביון".

ווי דער חסיד האָט דאָס געהערט האָט זיך זיין געדאַנק אָנגעהויבען צו וויגען זיך הין און צוריק, און ער האָט געזאָגט אַז ער פֿאָהרט אַהיים פֿרעגען זיין ווייב. און ווי ער איז אַהיים געקומען האָט ער

ער איהר ערצעהלט דעם מגיד'ס ענטפער. אז ווען ער וועט האבען קינדער מוז ער ווערען א אביון. און זי האט אויף דעם גאנץ דרייסט בעענטפערט אז עס איז איהר ליעבער צו זיין ארעם ווי צו זיין א עקרה.

ער איז שנעל צוריק געפאהרען נאך קאזניץ און ערצעהלט דעם הייליגען מגיד אז זיין ווייב וויל בעסער האבען קינדער און זיין ארעם ווי צו זיין רייך און זיין א עקרה. דער מגיד האט איהם געהייסען אהיים פאהרען און מיט ברענגען זיין גאנץ געלד. ער האט אזוי גע= טהון און געברענגט מיט זיך זיין גאנץ געלד.

„איצט — זאגט צו איהם דער הייליגער מגיד — זאלסט די פאהרען נאך לובלין, און זאלסט דארט זאגען דעם רבין ר' יעקב יצחק אז איך האב דיך צו איהם געשיקט, אז ער זאל דיר געבען א עצה צו האבען קינדער, און וואס ער וועט דיך הייסען טהון זאלסט די טהון״.

דער מענש איז גלייך געפאהרען צום רבין פון לובלין, און האט איהם געזאגט אז דער קאזניצער מגיד האט איהם געשיקט אז ער זאל איהם געבען א עצה צו האבען קינדער. דער רבי האט איהם געהייסען זיצען אין לובלין ביז ער וועט פאר איהם געפונען א ריכטיגע עצה.

דער חסיד איז אבגעזיצען א לאנגע צייט אין די אכסניא און געלעבט ווי א רייכער סוחר, פלוצלינג זאגט צו איהם דער רבי: „דיין רבי דער קאזניצער מגיד זעהט גאנץ ווייט, און ער האט פאר דיר אויך די זעלבע עצה וואס איך. נאר צוליעב זיין כבוד וועל איך דיך שוין לערנען וואס די האסט צו טהון.

די ביסט אין דיין יוגענד געווען א חתן מיט א כלה, נאר ווען די ביסט עלטער געווארען האט זי ביי דיר איהר חן פערלוירען און די האסט דעם שדוך אבגעלאזט, און דאדורך האסט די קיין קינדער נישט, און ביזט די פערשעמטע כלה נישט מפייס וועסט די קיין קינדער נישט האבען. און אזוי ווי זי איז איצט פון דיר זעהר ווייט, און די נסיעה צו איהר וועט דיך קאסטען זעהר פיעל געלד און פיעל געזונד אויך פיעל צייט, וועל איך דיר געבען א עצה ווי די קאנסט זי געפונען.

נאך אין צוויי חדשים ארום וועט זיין דער גרויסער יריד אין באלטע, און דארט וועט זיך דיינע פערשעמטע כלה אויך געפונען, דאדורך זאלסט די דארט אהין פאהרען, און איך זאג דיר צו אז אויב די וועסט זי דארט גוט זוכען וועסט די זי זיכער געפונען״.

דער חסיד האט נישט געווארט די צוויי חדשים נאר ער איז גלייך אוועקגעפאהרען נאך באלטע טראכטענדיג, אז אפשר וועט ער זי נאך טרעפען אויפ'ן וועג איידער דער יריד הייבט זיך אן. נאר דאס האט איהם נישט געהאלפען און ער האט געמוזט אריינפאהרען אין באלטע און האט זיך בעזעצט אין א אכסניא, נישט עוסק געווען דארט אין

קיין

קיין מסחר ווייל ביי ווי ס'איז האט דער רבי פון לובלין און דער קאזניצער מגיד געזאגט אז ער מוז ווערן אַ אָרעמאַן, נאָר ער איז דאָרט אַ גאַנצן טאָג געזיצן און געלערנט, אויסער דריי שעה אין טאָג וואָס ער האָט געשפּאַצירט אין די גאַסן און גוט חוקר ודורש געווען וועגן די פּרוי, און ער האָט זיך אַזוי נוהג געווען די גאַנצע צוויי חדשים ביז דער יריד האָט זיך אָנגעהויבן.

פון דעם טאָג וואָס דער יריד האָט זיך אָנגעהויבן איז ער שוין אַרומגעגאַנגען אויף די גאַסן פון דער פּריה ביז פאַר'ן נאַכט און שטאַרק חוקר ודורש געווען אויף די פּרוי, און האָט פון איהר גאָר־נישט געהערט, און ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי אַ שטאַרקער מאמין אין הייליגען לובלינער רבינ'ס הבטחה, וואָלט ער זיך שוין מיאש געווען און אַהיים געפאָהרען מיט גאָרנישט.

ער האָט ווייטער נישט אויפגעהערט צו טהון דאָס זייניגע. און האָט פון פריהמאָרגענס אָן געפרעגט ביי די סוחרים און קונים פון דעם יריד אויב זיי האָבען נישט עפּעס אַ ידיעה פון אַזוי אַ פּרוי, און ער האָט פון קיינעם קיין ריכטיגען ענטפער ערהאַלטען. זיין צער איז געווען אומנאַטירליך, זעהענדיג אַז דער יריד ענדיגט זיך שוין באַלד און איז נאָך נישט צו זיין צוועק געקומען.

די לעצטע דריי טאָג פון דעם יריד, ווען די הענדלער האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו צופאָהרען, איז ער געגאַנגען זעהר בעטריבט אויפ'ן גאַס. דער רעגען האָט אָנגעהויבען אַזוי זיך צו גיסען, אַז ער האָט געמוזט אַריינלויפען דאָרט אין אַ געוועלב אַריין, נאָר מ'האָט איהם פון דאָרט אַרויסגעוואָרפען, און ער האָט זיך געשטעלט אין אַ זייט צווישען פיעל מענשען וואָס האָבען געוואָלט איבערוואַרטען דעם רעגען און צווישען די מענשען איז אויך געשטאַנען אַ פּרוי בעהאָנגען מיט טייערע צירונג, און ווי זי האָט איהם אָנגעריהרט, האָט ער זיך פון איהר אַ ביסעלע אָבגעריקט. זי האָט מיט געלעכטער געזאָגט צו איהר חברתה: „איצט פערוויטערט ער זיך אויך פון מיר עס איז איהם נאָך וועניג וואָס ער האָט זיך פון מיר פערוויטערט ווען איך בין געווען זיין כלה און עס האָט איהם נישט געאַרט מיין בושה״.

ווי ער האָט דאָס דערהערט איז ער צו איהר גענהטער צו גע־גאַנגען און האָט זי געפרעגט ווער זי איז, און זי האָט איהם גע־ענטפערט: „אַזוי ווי אַ טויטער האָסט די מיך שוין פון דיין הערץ פערגעסען. איך בין די און די וואָס זי איז געווען מיט דיר פיער יאָהר פערלויבט. וואָס טהוסט די דאָ אויפ'ן יריד. וואָס מאַכסט די. האָסט די עפּעס קינדערליך״.

ער האָט איהר גלייך געזאָגט דעם אמת: „איך וועל פון דיר נישט לייקענען אַז נאָר צוליעב דיר בין איך דאָ אַהער געקומען. איך האָב

טאקי

טאקי קיינע קינדער נישט, און דער הייליגער רבי פון לובלין האט מיר געזאגט אז איך וועל פריהער קיין קינד ברענגען אויף די וועלט ביז איך וועל דיך מפייס זיין, וואס די ווילסט וועל איך דיר טהון נאר די זאלסט מיר מוחל זיין וואס איך האב דיך דאמאלס פערשעמט און אבגעלאזט דעם שדוך".

אויף דעם האט זי איהם געענטפערט: „איך ברויך פון דיר קיין זאך נישט. נאר אזוי ווי איך האב א ארעמען ברודער א תלמיד חכם און ער וואוינט אין דעם דארף וואס איז אונטער די שטאדט סובאלק און ער האלט ביי חתונה מאכען א טאכטער און ער האט נישט מסלק צו זיין דעם נדן, דאדורך ווען די ווילסט אז איך זאל דיר מוחל זיין מיין בושה, זאלסט די צו איהם אהין פאהרען און איהם געבען צוויי=הונדערט דוקאטען, דאמאלס וועסט די זיכער האבען קינדער".

ער האט זי דארט געבעטען אז זי זאל פון איהם צו נעמען דאס געלד און אוועקגעבען איהר ברודער אדער איהם שיקען דאס אויף די פאסט. וויל ער האט שוין נישט געוואלט פאהרען אונטער וועגענס. נאר זי האט איהם געענטפערט אז זי אליין קאן צו איהם נישט אהין פאהרען, און אויף די פאסט האט זי מורא צו שיקען, כדי זיינע בעלי חובות זאלען פון דעם נישט געוואר ווערען און דאס געלד צו נעמען.

ער האט זי דאס נאך אמאל געבעטען אז זי זאל איהר ברודער אליין בעזארגען דאס געלד וואס ער גיעט איהר דארט, נאר זי האט נישט געוואלט, און איהם געזאגט: „די מוזט איהם אליין געבען דאס געלד, און אזוי ווי ער וועט שוין האבען דאס געלד אין זיין האנד, וועל איך דיר מיט'ן גאנצען הערץ מוחל זיין דאס וואס די האסט מיך דאמאלס מבייש געוועזין, און די גרויסע מצוה פון הכנסת כלה וועט דיר זיין צו הילף די זאלסט האבען קינדער תלמידי חכמים, איך האב שוין מעהר קיין צייט נישט דא צו שטעהן, איך פאהר פון דאנען גלייך אוועק, און די וועסט מיך שוין מעהר נישט געפונען. גריס דארט פאר מיר מיין ברודער. פערבלייב געזונד". אזוי ווי זי האט דאס געענדיגט איז זי נעלם געווארען מיט איהר חברתה.

ער איז גלייך געגאנגען אויף זיין אכסניא און האט געדינגען א פוהר און געפאהרען נאך ווילנא און פון דארט נאך סובאלק ביז ער איז געקומען אין דעם דארף ווי דער ברודער פון זיינע געוועזענע כלה האט געוואוינט. און ווען ער איז צו איהם אריינגעקומען האט ער איהם געטראפען ארומגעהן אין שטוב הין און צוריק פערנומען מיט זיינע געדאנקען, און ער האט נישט בעמערקט אז עס איז ווער אריינ=געקומען. דער חסיד האט איהם געפרעגט אויב ער איז ר' ליב סובאלקער און ער האט איהם געענטפערט אז ער איז עס. און ווי ער האט איהם געפרעגט וואס ער געהט אזוי ארום פערזארגט, האט ער איהם מיט

בעטרים

פערדרוס געענטפערט: „וואס איז דען דאס אייער זאך, נישט איהר קאנט מיר העלפען וואס איהר פרעגט מיך דאס". נאר דער חסיד האט איהם מיט זיינע ליעבליכע ווערטער בערוהיגט. און ער האט איהם ערצעהלט: „אזוי ווי איך האב מיט מיין טאכטער געטוהן זעהר א שענעם שדוך מיט א סובאלקער נגיד און האב צו געזאגט דרייהונדערט רובל אויסער מתנות און א אויסשטייער כנהוג, און איך האב שוין דאס גאנצע געלט געהאט ליגען במזומנים, נאר דאס יאהר האט דער שררה פון מיר פערלאנגט זעהר א גרויסע הוספה אויף די ארענדע, און אויך פאר א גאנצען יאהר פאראויס. און איך בין געניטט געוועזן איהם דאס נאכצוגעבען און איהם אוועקצוגעבען דאס גאנצע געלד וואס איך האב געהאט ליגען פאר מיין טאכטער, און האב מיך נאך פערשול-דיגט, דאדורך האב איך נישט געקאנט האלטען דעם זמן חתונה נאכטען האט מיר טאקי דער מחותן צוריק געשיקט די תנאים מיט א בריעף, אז אויב איך וועל במשך דריי טאג נישט מסלק זיין דעם נדן וועט ער טהון א אנדערן שדוך. מיין טאכטער הערט נישט אויף צו וויינען אין מיין שטוב איז ווי תשעה באב, און איך קאן מיר קיין עצה נישט געבען, און דער חתן איז באמת א שאד, אזוי א גוטער בחור געפונט זיך נישט אין די גאנצע שטאדט".

דער חסיד האט איהם געטרייסט און איהם געגעבען די צוויי הונדערט דוקאטען. ער האט איהם זעהר ערשטוינט געפרעגט, מיט וואס האט ער ביי איהם אזוי נושא חן געוועזן, דאס ער גיעט איהם אזוי א פערמעגען. און ער האט איהם ערצעהלט די גאנצע מעשה, און ער האט זיין שוועסטער אסתר שפרה געטראפען אין באלטע אויפ'ן יריד, און זי האט איהם געהייסען פאהרען צו איהם אין דעם דארף אריין, און איהם געבען די סומע געלד.

ווי ער האט געהערט זיינע ווערטער האט ער איהם בעטראכט גלייך ער וואלט נישט געוועזן ביי די קלאהרע געדאנקען און צו איהם פערוואונדערט געזאגט: „וואס טהוט זיך מיט אייך, מיינע שוועסטער אסתר שפרה איז שוין פונפצעהן יאהר טויט, און איך בין אליין גע-וועזן ביי איהר קבורה, און איהר האט זי גאר געזעהן אין באלטע אויפ'ן יריד". הערענדיג דאס האט דער חסיד פערשטאנען וואס די היילינגע צדיקים דער קאזניצער מגיד מיט'ן רבין פון לובלין האבען דא געטהון און דאדורך האב זי נישט געוואלט צו נעמען ביי איהם דאס געלד ער האט זיך דארט זעהר פריינדליך געזעגנד, און איז גלייך געפאהרען גאך קאזניץ צום מגיד, און ווי ער איז נאר אריינגעקומען אין זיין היילינג חדר, האט איהם דער מגיד ערצעהלט וואס מיט איהם איז געשעהן. און האט איהם מבטיח געוועזן אז איצט וועט ער שוין אנ-הייבען האבען קינדער תלמידי חכמים, און אזוי איז ריכטיג מקוים געווארן.

אויך די תלמידים פון רבין פון לובלין זכותם יגן עלינו האט ער מכבד געווען מיט רוח הקודש און זיי האבען גאנץ אפט בעוויזען אומנאטירליכע נפלאות אזוי ווי מען ערצעהלט פון זיין תלמיד דער היילינער צדיק רבי אהרן משה, אז ער איז אמאל געפאהרען אין וועג און ווי ער איז געקומען צו א גאסטהויז און האט זיך געשטעלט אויף די שוועל, איז ער איבערראשט ארויסגעגאנגען. דער בעל הבית איז איהם נאכגעלאפען און איהם געפרעגט פאר וואס ער וויל נישט אריינ=געהן, האט ער איהם געענטפערט אז ער קאן נישט אריינגעהן אין א שטוב וואס עס ליגט דארט א דבר טמא. דער בעל הבית האט אויפגעצויגען זיינע אקסלען זעהר פערוואונדערט, נאר ער האט פער=שטאנען אז אזוי א הייליג מויל גיעט נישט ארוים פוסטע ווערטער, און האט אנגעהויבען זוכען ביז ער האט געפונען אויפ'ן בוידעם פון דעם הויז א פגר, און ווי מ'האט דעם פגר ארויסגענומען איז ר' אהרן משה אריינגעגאנגען.

דארט איז צו איהם צוגעקומען א פרוי פון דעם גאסטהויז מיט איהר צוועלף־יעהריגען זוהן און איהם געבעטען אז ער זאל איהם בענשען און ווי ער האט אויף זיין קאפ ארויפגעלייגט זיינע הענד האט ער א ציטער געטהון און זיי צוריק אראבגענומען זאגענדיג אז ער וויל נישט בענשען א ערל. די מוטער האט זיך אנגעהויבען פערטיידיגען, אז נישט מחמת רשעות האט מען איהם נישט געמל'עט נאר ווייל זיינע פאריגע ברודער זענען געשטארבען דורך דעם מלה זיין וואס לויט דין טאר מען איהם נישט מלה זיין. הערענדיג צו די מעשיות האט איהם דער עולם אנגעהויבען צו האלטען פאר א נביא.

אין דעם איז דארט אנגעקומען דער אפטער רבי און האט גע=הערט פון זיינע מופתים. האט ער איהם געזאגט: „ר' אהרן משה ווען איך בין געווען יונג האב איך מעהר מופתים געוויזען פאר אייך, און אזוי ווי עס איז צו מיר ווער אריינגעקומען האב איך גלייך אין איהם געזעהן וואס פאר א פגימות זיין נשמה האט, נאר אזוי ווי איך האב מיך בערעכענט אז ס'איז נישט גלייך צו זעהן חסרונות אויף זיינע אייגענע ברודער, האב איך דעם אייבערשטען געבעטען אז ער זאל דאס פון מיר צוריק נעמען, און פון דאמאלס אן זעה איך מעהר נישט קיין שלעכטס אויף יודען". דאס האט ר' אהרן משה'ן זעהר געפאלען, און ער האט געבעטען דעם אפטער צדיק אויף דעם, און דורך זיין תפלה האט ר' אהרן משה אויפגעהערט צו זאגען נבואות.

דער היילינער רבי ר' בונם פון פרשיסחא זכותו יגן עלינו האט אמאל געזאגט: „דער רבי פון לובלין זכרונו לברכה האט באמת געהאט גרעסערע און בעסערע תלמידים פאר מיר, נאר געקאנט האב איך איהם מעהר פון זיי. איך בין איינמאל אריינגעגאנגען אין זיין חדר ווען

ער

ער זכרונו לברכה איז נישט געווען, האב איך מיך איינגעהערט ווי פון זיינע קליידער הערט זיך א קול וואס ערצעהלט דאס גדלות פון דעם צדיק". דאס האט ערצעהלט דער היילינגער וויסקיטער רב ר' אליהו זכרונו לברכה, דער מחבר פון די ספרים אזור אלי' און שאלות ותשובות דבר אלי', וואס ער האט דאס נעהערט פון גרויסע חסידים וואס האבען דאס אליין נעהערט פון היילינגען פרשיסחער רבין זכותו יגן עלינו.

דער היילינגער רבי פון לובלין האט אמאל געזאגט צו דעם היילינגען רבין פון מעזיבוז: "אמת אז איהר האט תקיפות, נאר איהר ברויכט אבער נישט פערגעסען אז איך האב אויך מיט וואס צו זיין א תקיף איער תקיפות איז וואס דער היילינגער בעל שם טוב איז געווען אייער זיידע. און מיין תקיפות איז וואס דער רבי ר' שמעלקא איז געווען מיין רבי".

ווען דער רבי פון לובלין און דער היילינגער רבי ר' שלמה קשאנאווער זכותם יגן עלינו זענען אוועקגעפאהרען פון רבין ר' שמעלקא זכרונו לברכה און ער האט זיי אבגעזעגענד, האט איהם דער רבי פון לובלין געפרעגט וואס ער הייסט איהם לערנען אין דער היים, האט ער איהם געענטפערט דעם ספר עץ חיים (הויכע סתרי תורה און קבלה פון היילינגען אר"י) נאכדעם האט איהם דער קשאנאווער רב געפרעגט וואס ער הייסט איהם לערנען אין דער היים, האט ער איהם געענטפערט גמרא מיט תוספות. האט דער קשאנאווער רב אנגע= הויבען צו וויינען. האט איהם דער רבי ר' שמעלקא געפרעגט וואס ער וויינט, און אויב ער רעכענט חלילה די גמרא און תוספות נישט אזוי גרוים ווי דער עץ חיים. האט ער איהם געענטפערט אז זיינע אוינען וויינען זעהענדיג אז דער רבי איז איהם שוין מיאש (אז ער ברויכט נאר לערנען נגלה נישט נסתר). הערענדיג דאס האט איהם דער רבי ר' שמעלקא געהייסען לערנען דעם ספר שערי אורה (א שליסעל פון אלע כללים פון חכמת הקבלה און שמות הקדושים און עשר ספירות פון דעם היילינגען מקובל רבי יוסף גיקוטליא זכרונו לברכה). דאס הייסט אז דורך די ליכטיגע טויערען (שערי אורה) וועט ער צו קומען צו דעם עץ חיים אזוי ווי דער רבי פון לובלין איז צו געקומען.

און דאס זענען די תלמידים פון היילינגען רבין פון לובלין וואס האבען געלייכט ווי אמת'ע שטערען אויף די יודישע הימלען, און האבען געעפענט פיעל טויזענדער אויגען צו זעהן די ריכטיגע וועגען וואס פיהרען דעם מענש צו דעם אמת'ען תכלית.

א) דער גרויסער צדיק רבי יעקב יצחק זכותו יגן עלינו, וואס איז אויף די גאנצע וועלט בעקאנט מיט'ן נאהמען: "דער יוד הקדוש פון פרשיסחא". ער איז געווען א תלמיד מובהק פון רבין פון לובלין

און

און די גרויסע מקובלים האָבען געגעבען אַ טעם פאַר וואָס מען רופט איהם „היהודי מפרשיסחא", ווייל זיין הייליגע נשמה איז געווען אַ ניצוץ פון מרדכי היהודי. אויך האָט מען איהם גערופען „היהודי מפרשיסחא" ווייל ער האָט געהייסען דעם זעלבען נאָהמען יעקב יצחק ווי זיין רבי פון לובלין האָט געהייסען, און דער דין איז (שלחן ערוך יו"ד סי' רמ"ב סעיף ט"ו) אַז אַ תלמיד טאָר נישט רופען זיין רבין ביי זיין נאָהמען, אויך טאָר ער נישט רופען אַנדערע וואָס זיי הייסען ווי זיין רבי. דא־דורך האָבען די הייליגע חסידים נישט געוואָלט איהם רופען מיט זייער רבינס נאָמען און האָבען איהם גערופען „היהודי מפרשיסחא". איינער פון די חסידים האָט ער ערצעהלט אַז ער איז אַמאָל געווען מיט דעם יוד הקדוש ביי דעם רבין פון לובלין, און דאַמאָלס איז דאָרט געווען אַזוי אַגרויסער עולם אַז איינער איז געלעגען אויפ'ן צווייטען, און דער חסיד איז פון אונטען געלעגען אויף דעם יוד הקדוש און איהם שרעקליך געדריקט, און ווי ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן אַז ער האָט אַזוי מצער געווען דעם יוד הקדוש האָט ער זיך זעהר דערשראָקען און זיך אָבגעריקט מיט אימה. דער יוד הקדוש האָט דאָס בעמערקט און האָט איהם בערוהיגט זאָגענדיג מיט ענוות: „שרעק נישט מיין קינד, ביי אונ...ר הייליגען רבין זענען מיר אַלע גלייך".

ב) דער גרויסער צדיק רבי דוד'ל לעלאָווער זכותו יגן עלינו. פריהער איז ער געפאָהרען צום רבין ר' אלימלך פון ליזענסק נשמתו בגנזי מרומים, און ווי ער איז נסתלק געוואָרען איז ער געפאָהרען צום רבין פון לובלין און ער איז געווען אַ חבר פון יוד הקדוש פון פרשיסחא וואָס ער האָט זיך מיט איהם מתחתן געווען מיט זיין זוהן וואָס איז געזיצען אין ארץ ישראל. ער איז נסתלק געוואָרען אין יאָהר תקע"ד

ג) דער גרויסער גאון און צדיק יסוד עולם רבי משה טייטעלבוים זכרונו לברכה, דער מחבר פון ספר ישמח משה אויף תורה. און נישט קוקענדיג אויף זיין גדלות האָט ער אויך געשריבען ספרים אויף עברי טייטש ווי דער קונטרס „מעין טהור" (די דינים פון נדה) אַז די פרויען און אונגעלערנטע מענשען וואָס קאָנען נישט לשון קודש, זאָלען נישט נכשל ווערען אין עבירות רחמנא ליצלן. און זיין בטחון איז אַזוי גרויס געווען אַז משיח וועט קומען, אַז אַזוי ווי ער האָט געהערט אַ רעש אויפ'ן גאַס, איז ער גלייך צו געלאָפען צום פענסטער און געקוקט אויב משיח איז שוין נישט דאָ. אויך ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפען האָט ער אָנגעזאָגט זיין משמש, אַז אויב משיח וועט קומען זאָל מען איהם גלייך אויפוועקען. און ער האָט אויף דעם געבראַכט פיעל ראיות פון פסוק און פון די הייליגע גמרא, אַז אויף דעם אופן ברויכט יעדער יוד אויסקוקען משיח'ן.

ד) רבי אהרן משה בראָדער זכרונו לברכה. פריהער איז ער

געוועזן

געוועזין א תלמיד פֿון הײליגען רבין פֿון סטרעליסק זכותו יגן עלינו, נאָך צום סוף איז ער געפֿאָהרען נאָך ארץ ישראל און איז דאָרט נסתלק געוואָרען.

ה) רבי בער פֿון אושפיצין דער מחבר פֿון ספר דברי צדיקים וואָס לערנט ווי גרוים און וואָס פֿאַר אַ חשיבות די צדיקים האָבען אין הימעל, און ערקלערט אַז דער וואָס האָרכט זיך נישט איז ווי אַ צומישטער חולה רחמנא ליצלן וואָס האָרכט נישט דעם דאָקטאָר.

ו) דער רבי ר׳ ישכר בער זכרונו לברכה פֿון ראַדשיץ און פשעדבורז, וואָס ער פֿלעגט שטענדיג זאָגען: „גיב מיר שכר וואָס איך האָב זוכה געוועזין משמש צו זײַן הונדערט און צוואַנציג תלמידי חכמים בעלי רוח הקודש. און אין איהם אַלײן האָט מען אויך געזעהן רוח הקודש און פּועל נפלאות.

ז) דער רבי ר׳ צבי אלימלך פֿון דינזב זכרונו לברכה דער מחבר פֿון ספר: בני ישכר, דרך פקודיך, אגרא דפרקא, אגרא דכלה, מעין גנים, רגל ישרה, הוספות על ספר סור מרע ועשה טוב פֿון זידיטשאָווער צדיק זכותו יגן עלינו. ער פֿלעגט האַלטען און קושען יעדען תלמיד חכם און האָט זיך פֿאַר איהם שטאַרק מכניע געוועזין. אויך איז ער געוועזין אַ גרויסער מקובל. און ער האָט אין קײן חכמה נישט געגלײבט ביז ער האָט זי נישט געפֿונען אין די תורה. זײַן הויפּט ארבײט איז געוועזין אַז די חכמת הקבלה זאָל נתפשט ווערען אויף די וועלט.

ח) דער חעלמער רב רבי יוסף קעזיס זכרונו לברכה. דער מחותן פֿון דעם הײליגען סטאָבניצער רב ר׳ מאיר, און דער פֿאָטער פֿון חעלמער רב ר׳ אריה ליב זכותם יגן עלינו.

ט) דער הײליגער קאָזמיר רבי ר׳ יחזקאל זכותו יגן עלינו וואָס האָט ממאס געוועזין אַלע זאַכען פֿון די וועלט און עוסק געוועזין מיט מסירת הנפש אין בלוים הימעלזאַכען. דאַדורך ווען ס׳איז ווער צו איהם געקומען פֿרעגען אַ עצה אין זאַכען וואָס נעהער צו עולם הזה ווי ענינים פֿון מסחר וכדומה, האָט ער פֿון איהם אַוועקגעבויגען זײַן פנים. אײנמאָל איז צו איהם געקומען אַ מענש און האָט איהם גע־פֿרעגט אַ ענין פֿון מסחר. און ער האָט איהם אויף דעם גאַרנישט גע־ענטפֿערט און ווי ער איז פֿון איהם אַוועקגעגאַנגען פֿערשעמט האָט ער געזעהן ווי זײַנם אַ חסיד געהט צו איהם צו און ער רעדט מיט איהם אַ ענין פֿון מסחר און ער לערנט איהם ווי אַזוי ער זאָל זיך פֿיהרען און ער האָט איהם אויך געגעבען אַ הײסע ברכה אַז ער זאָל מצליח זײַן. ווי דער מענש האָט דאָס געהערט איז ער צו איהם צו געגאַנגען און דרײַסט געזאָגט: „מורי ורבי, פֿריהער אַזוי ווי איהר האָט מיך מדחה געוועזין און מיר נישט געענטפֿערט, האָב איך גע־רעכענט ווײַל איהר זענט ממאס אַלע ענינים פֿון די וועלט, אָבער

איצט

איצט ווי איך האב אייך געהערט שמועסען מיט אייער חסיד פון ענינים פון מסחר, פערשטעה איך טאקי נישט פאר וואס איהר האט מיר אויך נישט געענטפערט". אויף די פראגע האט ער איהם געגעבען א משל. „אמאל איז א גרויסער סוחר געפאהרען נאך לייפציג אויפ'ן יריד קויפען סחורה. ער איז דארט אריין אין א גרויס געשעפט און האט אנגעקויפט זעהר פיעל סחורה, און צוליעב דעם האט ער זיך דארט זעהר פערשפעטיגט ביז מ'האט שוין פערשלאסען אלע געוועלבער. דער משרת פון דעם סוחר איז אריינגעלאפען אין דעם געשעפט און האט געזאגט זיין הערר אז ער ווייסט נישט וואס צו טהון, אלע געוועלבער זענען שוין געשלאסען און ער וועט נישט קריגען קיין סמאלע צושמירען די רעדער פון זיין קארעטע. ווי דער שעף פון דעם געשעפט האט געזעהן דעם סוחר'ס צער, האט ער איהם בערוהיגט אז ער וועט איהם שענקען א ביסעל סמאלע וואס ער האט ליגען צו זיינע וועגען. פון ווייטען איז געשטאנען א אונבעקאנטער מענש וואס איהם האט אויך געפעהלט סמאלע צו זיין וואגען, איז ער צוגעגאנגען צו דעם שעף און האט איהם געבעטען אז ער זאל איהם אויך פערקויפען א ביסעל סמאלע. דער שעף האט איהם מיט פעדרוס געענטפערט: „האנדעל איך דען מיט סמאלע צו שמירען די רעדער. דער סוחר קויפט ביי מיר פיעל פערשידענע סחורות דאדורך שענק איך איהם אביסעל סמאלע, ער זאל האבען אויף וואס זיי אהיים צו פיהרען, אבער איהר האט ביי מיר קיין סחורה נישט געקויפט, ברויך איך אייך קיין סמאלע אויך נישט צו געבען". אזוי אויך דער חסיד וואס ער קויפט ביי מיר תורה און חסידות ברויך איך איהם [illegible] עצה צום מסחר אויך צו געבען, אבער איהר וואס איהר קויפט ביי מיר נישט קיין היילינגע זאך, ווי ערלויבט איהר אייך דאס צו פערלאנגען פון מיר סמאלע פאר אייערע רעדער". אויך איז דער קאזמיר צדיק געוועזין א תלמיד מובהק פון היילינגען רבין ר' שמואל פון קארוב זכרונו לברכה, און איז נפטר גע-ווארען אין יאהר תרט"ז.

י) דער גרויסער גאון רבי יעקב צבי יאליש זכרונו לברכה דער רב אין דינוב. דער מחבר פון ספר מלא הרועים אויף ש"ס און קבלה ספר קהלת יעקב אויף די שמות פון די כתבי אר"י ז"ל און היילינגען זוהר.

יא) ר' ארי' ליבוש זכרונו לברכה, וואס איז געוועזין רב אין די שטאדט [illegible]צויט, און עס איז פון איהם געדרוקט א ספר דברי אסתר אויף מגלת [illegible]תר.

יב) [illegible] ליבוש זכרונו לברכה דער רב אין ווישניצא, דער פאטער פון דעם [illegible], און היילינגען גאון רבי משה טייטעלבוים זכרונו לברכה דער מחבר פון ספר ישמח משה, און דער מחותן פון היילינגען גאון רבי נפתלי צבי דער רב [illegible]ן רופשיץ, און עס איז פון איהם

געדרוקט

גערדוקט געוואָרען דער בערוהמטער ספר גבורות אויף די מסכת כתובות.

יג) דער סטאָבניצער רב ר' מאיר הלוי זכרונו לברכה. נאָכדעם איז ער געוואָרען רב אין אפט. דער מחבר פון דעם ספר אור לשמים אויף תורה. נאָכדעם ווי דער רבי פון לובלין איז נסתלק געוואָרען, האָט אָנגעהויבען דער עולם צו פאָהרען צו איהם זעהענדיג זיין גדלות אין תורה און אין חסידות. אויך האָט ער זוכה געוועזן צו האָבען צוויי זוהן גרויסע צדיקים רבי פנחס און רבי ישראל זכותם יגן עלינו.

יד) דער דאָמבראָווער רב ר' מרדכי דוד זכרונו לברכה אויסער זיין צדקות איז ער געוועזן אַ מפורסם פאַר אַ גרויסען גאון. דער גאון ר' נפתלי צבי פון ראָפשיץ און דער הייליגער מאָגלניצער רבי ר' חיים מאיר מיכל זכרונם לברכה זענען געוועזן זיינע מחותנים.

טו) דער גרויסער צדיק יסוד עולם רבי משה יאַנאָווער, וואָס די וועלט ערצעהלט פון עולם זעהר גרויסע נפלאות.

טז) דער יוזאָפאָווער רב ר' נחמיה זכרונו לברכה וואָס איז אַ מפורסם מיט די פיעל מופתים וואָס ער האָט בעוויזען.

יז) דער ראָפשיצער רב ר' נפתלי צבי וואָס אויסער זיין חסידות איז ער געוועזן אַ גאון אין תורה. זיין פאָטער איז געוועזן דער הייליגער צדיק ר' מענדעלע פון ליזקאַ. און ס'איז פון איהם גערדוקט אַ ספר אילה שלוחה. און זיינע קינדער זענען די צדיקים רבי אברהם חיים פון לינסק און רבי אליעזר פון זיקאָוו וואָס פיעל חסידים האָבען זיך בעשיצט אונטער די גאָלדענע פליגעל פון זייער תורה און חסידות זכותם יגן עלינו.

יח) דער גרויסער צדיק יסוד עולם רבי נתן מאַקאָווער זכרונו לברכה, אַ איידעם פון הייליגען צדיק ר' חיים חייקא פון המדרוא זכרונו לברכה ער איז געוועזן אַזוי אַגרויסער איש אלקים אַז די חכמי הקבלה האָבען אויף איהם געזאָגט אַז ער האָט אַ ניצוץ פון נתן הנביא.

יט) דער קדוש וטהור רבי קלמן קראָקאָווער זכרונו לברכה, וואָס האָט זיך געקויפט אַ איביגען נאָהמען מיט זיין בערוהמט ספר מאור ושמש אויף תורה. און די גרעסטע קדושים זאָגען נאָך זיינע חדושים אין תורה.

כ) דער הייליגער צדיק ר' הירשעלע זידיטשאָווער זכרונו לברכה וואָס האָט מחבר געוועזן דעם ספר עטרת צבי אויף דעם זוהר הקדוש, און די גרעסטע גוטע יודען ערצעהלען פון איהם זעהר גרויסע נפלאות.

כא) רבי משה סמבריר זכרונו לברכה. ר' הירשעלע זידיטשאָווערס ברודער. ער האָט מחבר געוועזן דעם ספר תפלה למשה אויף תורה און האָט מעמיד געוועזן זעהר פיעל תלמידים וואָס האָבען די וועלט בעשיינט מיט זייער תורה און חסידות.

כב) דער בעלזער רב ר' שלום זכותו יגן עלינו. וואָס ווער עס האָט

האָט זיין שוועל איבערגעטרעטען האָט געזעהן זיין רוח הקודש. און טויזענדער מענשען זענען דורך איהם געהאָלפען געוואָרען פון גרויסע נויטען.

כג) ר' שלמה ליב לענטשנער זכרונו לברכה, וואָס איז זעהר פערנעטערט געוועזען אין די גאַנצע חסידישע וועלט. און זיינע עצות וואָס ער פלעגט געבען האָבען שטענדיג נושא פירות געוועזען.

כד) דער היילינער גאון ר' שמשון אשכנזי זכרונו לברכה פון ראדזין. אויסער די חסידישע צדיקים האָבען די מתנגדישע גאונים איהם פערגעטערט און נאָכגעזאָגט זיינע גאונישע חדושים אין תורה. אויך איז זיין קבר זעהר פערהיילינט אַז פיעל הונדערטער מענשען געהן אַהין מתפלל זיין און ווערען געהאָלפען.

כה) דער יאַריסלאָווער צדיק ר' שמעון זכותו יגן עלינו, ער האָט געלעבט קרוב הונדערט יאָהר, און ביז זיין פטירה האָט ער גע־דאַווענט מיט שמחה און מיט געזאַנג אויך מיט אַ אומנאַטירליך התלהבות וואָס האָט יעדען בעוואונדערט אויך איז ער נסתלק געוואָרען מיט שמחה ווייסענדיג אַז די טהירען פון גן עדן זענען פאַר איהם אָפען אויך האָט דער בעליזער צדיק ר' שלום זכרונו לברכה איהם פערגעטערט און איהם בעקריינט מיט די גרעסטע שבחים.

אויסער די פונפאונצוואַנציג היילינע תלמידים וואָס זענען געוועזען זעהר וואונדערשענע שטערען אין די יודישע הימלען, האָט דער רבי פון לובלין זכותו יגן עלינו געהאַט פיעל היילינע תלמידים וואָס האָבען נישט געוואָלט מפורסם ווערען, פיעל פון זיי האָבען געהאַט רוח הקודש און פיעל האָבען זוכה געוועזען צו גילוי אליהו. און ווען ס'איז ביי איהם פאָרגעפאַלען עפּעס אַ וויכטיגער ענין האָט ער צונעזוצט די בע־האַלטענע צדיקים אַז זיי זאָלען איהם העלפען מתפלל זיין. אויך האָט ער געוויסט אַז יעדער פון זיי איז מסוגל צו אַ אַנדערע זאַך, דער מתפלל צו זיין אויף קראַנקע רחמנא ליצלן, דער אויף פרנסה, דער אויף קינדער. און ווען ס'איז צו איהם געקומען ווער זיך מזכיר זיין, האָט ער יעדען אָבגעשיקט צו אַ אַנדערן נסתר און ער איז געהאָלפען געוואָרען.